דרייצעהנטער יאָהרגאַנג.

№ 23 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

# טשענסטאָכאָווער צייטונג

Biblioteka Jagiellońska Kraków Św. Aug 19

ערשיינט יעדען פרייטאג.

ווערשיטע 6. — טעלעפאָן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 8 czerwca 1934 ליכט-צינדען 7.35 פרייטאג פ' שלך כ"ה סיון תרצ"ד.


WPISY i ZGŁOSZENIA

**do GIMNAZJUM i SZKOŁY POWSZECHNEJ**

**TOW. ŻYD. SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH**

**w Częstochowie, Dąbrowskiego 7, Tel. 11-58**

przyjmują kierownictwa codziennie od 9—1.

Egzamin wstępny do klasy I gimnazjum nowego typu rozpocznie się w piątek, dnia 15 czerwca o godz. 4 po południu.

Egzaminy do wszystkich innych klas gimnazjum i szkoły powszechnej rozpoczną się w niedzielę, dnia 17 czerwca o godz. 9-ej rano.


**שבת, ד. 9 און זונטאָג, ד. 10 ד. ח.**

פון 10 ביז 1 און פון 3 ביז 7 ווערט פאַרקומען

**אין דער אָכראָנקע פון „דאָבראָטשינגאָשטש"**

(פרזעמיסלאָווא 6)

**אַנ'אויסשטעלונג** פון די **קינדער-אַרבייטען**

איינגאַנג פריי.


**אין דער גליקליכסטער קאָלעקטור**

**פון י. וועקסלער**

**אַלעע № 6**

וואו עס איז לעצטענס געפאַלען

**1,000000 זל.**

איז שוין צו בעקומען

**לאָסען צו דער 1=טער קלאַס**

פון דער 30=טער מלוכה=לאָטעריע

**J. WEKSLER, ALEJA 6.**

**Telefon 11-55.**


## ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

מיר דריקען אויס אונזער דאַנק דעם חשוב'ן

**דר. לעאָן גאָלדמאַן**

פאַר זיין מסירות-נפש'דיגער מעדיצינישער הילף בעת מיין פרוי'ס קראַנקהייט. לאַנגע וואָכען איז מיין פרוי געווען קראַנק, פערברענגט מיט איהר א לענגערע צייט אין קראָקא ביי א בעוואוסטען פראָפעסאָר אָבער אָהן רעזולטאַט און נאָר דער זעהר געאַכטעטער ד"ר גאָלדמאַן האָט מיט גאָט'ס הילף פעסטגעשטעלט די ריכטיגע קראַנקהייט און ממש מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענהייט אויסקורירט מיין פרוי פון לעבענס-געפאַהר—ממש פון טויט לעבעדיג געמאַכט, דערביי האָט ד"ר גאָלדמאַן קורירט מיין פרוי כמעט בחנם.

זאָל גאָט געבען איהם און אויך די אַסיסטירענדע דאָקטוירים: **מיקולסקי, פראַנקע, קלוטשעווסקי און שאַניאַווסקי** הצלחה אין זייער ווייטערדיגער מעדיצינישער פּראַקטיק.

זאָל דאָס זיין א בעווייז, אַז מען דאַרף נישט פאָהרען ביי יעדער קראַנקהייט קיין קראָקא, ווען מיר האָבען אין טשענסטאָכאָוו אזעלכע דאָקטוירים, ווי עס איז דער חשוב'ער ד"ר גאָלדמאַן.

**יעקל שניצער** גאַרזשעטשנא 38.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב'ען בעל-תפלה

**ר' אליעזר נ"י יאַקובאָוויטש**

צוליעב'ן טויט פון זיין פ א ט ע ר

**נ"ע יעקב**

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**די גבאים, קאָמיטעט און מתפללים**

**פון דער שוהל „אהל יעקב" אַלעע 4.**

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע גאָלדבערג** צוליעב'ן טויט פון זייער ליעבען מאַן און פאָטער

**נ"ע נתן נטע**

און דריקען זיי אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

**יאַקוב גאַבעל** און פרוי משקוב.

## קאָמוניקאַט.

דערמיט מעלדען מיר דער עפענטליכקייט, דאָס ה' יעקב לעווקאָוויטש, אַלעע № 35 איז פאַר זיין שעדליכע טעטיגקייט פאַר'ן האַנדווערקער-פאַרבאַנד אויסגעשלאָסען געוואָרען פון אונזער פעראיין.

די פערוו. פון האַנדווערקער-פאַרבאַנד

אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.


**פאַרבערייַ און כעמישע וועשעריי**

**„BENETA"**

**בערעק יאָסעלעוויטש 11**

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטרי-שולע אין ווארשא

100 פראָצ. גאַראַנטיע פאַר גוטער אויספיהרונג.



## קינאָ = טעאַטער „לונאַ".

נאָר 2 גאַסטשפּילען!

**„אַראַראַט"**

פון בעריהמטען רעווי און קליינקונסט-טעאַטער

אונטער דער קינסט. לייטונג פון **משה בראָדערזאָן.**

**פריטאָג, דעם 8 יוני** | **שבת, דעם 9 יוני**

**הימעל עפענט זיך** | רעוועלאַציע-פּראָגראַם **ב י ש ט** געשטויגען געפלויגען...

גרויסער לאַך-פּאַראַד אין 2 טיילען, 16 בילדער. | פראַכטפולער מאנטאַזש אין 2 טיילען, 16 בילדער.

דער אַנסאַמבל בעשטעהט פון: בלומענטאַל פרידא, ד. בירנבוים, י. בערגמאַן, וול. גאָדיק, ש. גאָלדשטיין, ש. דזשיגאַן, ה. ליבראָווסקאַ, שיינע מרים, ב. שוואַרצשטיין א. א.

אָנהויב 30 9 אָוונד. — רעזשי: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער. — קאָנפ.: וול. גאָדיק.

אייגענע אָריגינעלע דעקאָראַציעס.

בילעטען פאָרפאַרקויף פון 80 גר. אַן אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן, אַלעע 6, טעל. 22-01 און שבת א גאַנצען טאָג אין קאַסע פון קינאָ „לונאַ".

## שאַכיסטען=קלוב (1 אַלעע 14, 3 שטאָק)

מאַכט בעקאַנט, דאָס דעם 10 טשערוויעץ ד. י. 5 א זייגער נאָכמיטאָג וועט דער זיעגער פון שאַך-טורניר ווערען דער מייסטערשאַפט פון טשענסטאָכאָוו און געוו. שאַך-מייסטער פון קראָקא ה'

**סטאַניסלאַוו פּאָדזיערני**

**שפּיעלען סימולטאַן=שאַך=פּאַרטיעס**

אין לאָקאַל פון קלוב.

איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון קלוב דעם 9 ד. ח. פון 6 ביז 8 אָוונד און דעם 10 ד. ח. ביז 12 מיטאָג.

## ג ע ר ע נ ק ט!!!

אַז דעם 19 טען ד. ה. הויבט זיך אָן די ציהונג פון דער 1-טער קלאַס פון דער 30 טער מלוכה לאָטעריע.

פערזעהט זיך דעריבער מיט א לאָס פון דער גליקליכער קאָלעקטור

**M. JASINSKI, Aleja 30**

telefon 10-56

אין דער פריערגער לאָטעריע זענען אין אונזער קאָלעקטור געפאַלען פאָלגענדע געווינסטען:

**15.000, 3.000, 5.000, 2.500 זל.**

און פערשידענע קלענערע געווינסען.

איל דיך צו און קויף א לאָס אין דער גליקליכער קאָלעקטור.

Dyrekcja

**Gimnazjum Koedukacyjnego i Szkoły Powszechnej**

**Dra Axera w Częstochowie**

**(z prawami szkół państwowych)**

zawiadamia, że zgłoszenia do wszystkich klas szkoły powszechnej jakoteż do I i II klasy gimnazjum nowego typu oraz klas V—VII gimn starego typu są przyjmowane codziennie.

Egzaminy wstępne odbędą się: pisemne w piątek 15 czerwca o godz. 4, ustne w niedzielę dnia 17 czerwca od godz 8 rano.

Uczniowie niezamożni otrzymują ulgi w czesnem. Zarząd Koła Opieki Rodzicielskiej rozporządza ponadto wolnemi miejscami dla kandydatów, nie mogących opłacać czesnego.


נ"ע **פרימעט קיילה ריכטער**

פון דערהיים גאָלסטער

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 68 יאָהר.

די לויה איז פאָרגעקומען דינסטאָג ד. 5 יוני 1934 (כ"ב סיון תרצ"ד).

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס א דאַנק די אַלע, וועלכע האָבען גענומען אַנטייל אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

**זיהן, טעכטער, איידעם און אייניקלעך.**

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון אונזער חבר און פריינד

**יצחק ריכטער און פאַמיליע**

צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכע מוטער

**נ"ע פּרימעט קיילה**

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

ש. וואַגע און פרוי, לעאָן אַבערמאַן,

מ. כראַפּאַט און פרוי, מאַניעק אַבערמאַן.

# נאטיצען.

מאכען מיר א חשבון הנפש פון אונזער לאגע קומט ארויס א טרויעריגער סך-הכל.

לא-די, וואס מיר ווערען ארויסגעשטויסען פון אונזערע עקאנאמישע פאזיציעס און מיר פערלירען דעם באדען אונטער די פיס, איז איצט געקומען א נייע צרה: בלוטיגע אנפאלען פון די נארא-לייט, וואס ווערען סיסטעמאטיש ארגאניזירט געגען דער יודישער בעפעלקערונג אין גאנץ פוילען.

די דאזיגע נארא-לייט זענען אידעאיש פערבינדען מיט די היטלער-לייט און לויט ווי די צייטונגען שרייבען, בעקומען זיי פון דייטשלאנד געלד, וואס דארף פערווענדעט ווערען אויף כלי-משחיתים, כדי דערמיט אויסצוראטען די יודען.

די אנפאלען פון די דאזיגע פינסטערע העלדען אויף די יודישע איינוואוינער ווערט א טאג-טעגליכע ערשיינונג און אויב מען וועט זיי נישט באלד אונשעדליך מאכען, דראהט א גרויס געפאהר דעם יודישען קיבוץ אין פוילען.

אין ווארשא—שרייבען די בלעטער—קומען פאר כסדר אנפאלען סיי אויף יודען און סיי אויף די פוילישע סאציאליסטישע ארבייטער און נישט איינמאל טרעפט, אז סיי די יודען, סיי די פוילישע ארבייטער שלאגען צוריק און דאמאלס קומט פאליציי און מאכט א סוף צו די אוואנטורעס.

מיר ווייסען גאנץ גוט, אז די רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי איז גענוג שטארק די דאזיגע ארויסטריטען אונטערצודריקען באלד אין אנהויב; פארוואס זי טהוט דאס נישט יעצט, איז אונז נישט קלאר.

ווי דיזעלבע צייטונגען מעלדען, זענען צום ווארשאווער רעגירונגס-קאמיסאר גערופען געווארען פארשטעהער פון דער יודישער בעפעלקערונג. ווי אויך פארשטעהער פון די יודישע ארבייטער-פארטייען און מען האט זיי ערקלערט, אז די רעגירונג איז ביכולת די דאזיגע אונרוהען צו דערדריקען און דעריבער ווערט די יודישע בעפעלקערונג אויפגעפאדערט נישט צו מאכען קיין נעשלעגערייען מיט די „נארא" - לייט, אין געגענפאל וועלען די דאזיגע אנפאלער (לייען די יודישע) ווערען בעהאנדעלט אזוי ווי די „נארא"-חברותא.

צי ווייסען דען נישט די רעגירונגס-ארגאנען, אז קיין יוד, צו וואס פאר א ריכטונג ער זאל נישט נעהערען, וועט קיינמאל נישט אנפאלען אויף קיינעם? מען קען דאך אבער נישט פערלאנגען, אז מען זאל זיך לאזען שלאגען און זיך אפילו נישט פערטיידיגען.

אין דער גאנצער פראווינץ קומען פאר אנפאלען אויף יודען, וואס ווערען ארגאניזירט דורך די פינסטערע פוילישע היטלעריסטען און דאס ווערט געטהון מיט אזא הוצפה און זיכערקייט, אז מיר דארפען ערנסט ווענען דעם א טראכט טהון.

א קליינער ביישפיעל:

א כוליגאן פאלט ביי אונז אן אויף דורכגעהענדע יודען און ווען מען רופט א פאליציאנט, וועלכער פיהרט אב דעם אנפאלער אין קאמיסאריאט, בלייבט דער לעצטער שטארק פערוואונדערט און פרענט גאנץ בתמימות פארוואס מען ארעסטירט איהם, אז גע'גנב'עט האט ער נישט און זיין איינציגער חטא בעשטעהט נאר אין שלאגען יודען, צי פאר דעם זאל מען איהם ארעסטירען — דאס האט ער זיך אין לעבען נישט פארגעשטעלט...

בעווייזט דען דער קליינער פאקט נישט, אז מען רעדט איין די דאזיגע שלענער, דאס דער יוד איז הפקר און מען מעג איהם פריי און פראנק שלאגען, פאר וועלכען מען ווערט נישט בעשטראפט.

אט אזוי זעהט אויס אונזער לעבען. ווי אזוי דאס הפקרות וועט אבגעשאפט ווערען איז שווער פאראויסצוזאגען.

עס בעאונרוהיגט די יודישע בעפעלקערונג אין פוילען אויך דאס, וואס דער בלוט-דורשטיגער געבעלס קומט קיין ווארשא צו זיינע פארטיי-גענאסען, וואו ער וועט זיי נעבען א לעקציע וועגען יודען-האס.

מיר האבען דעם פוילען צוטרוי צו דער רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי, אבער גלייכצייטיג האבען מיר דאס רעכט צו פאדערען פון דער זעלבער רעגירונג, אז זי זאל אבהיטען אונזער לעבען — דאס לעבען פון דריי און א האלב מיליאן לאיאלע פוילישע בירגער.

אונזערע פערספעקטיווען זענען זעהר טרויריגע און די וואכזאמקייט פון יודישען קיבוץ איז איצט נויטיג מעהר ווי אלע מאל. קודם-כל דארפען מיר זיין גרייט זיך צו פערטיידיגען געגען די דאזיגע ווילדע חיה'שע אנפאלען.

---

אין דער גאנצער וועלט זענען דעם לעצטען מאנטאג פארגעקומען פראטעסט-מיטינגען געגען דער ארץ-ישראל-אדמיניסטראציע פאר איהרע גזירות געגען א יודישער עליה קיין ארץ ישראל; אלס פראטעסט זענען אויך פערמאכט געווארען די געשעפטען אויף איין שעה. אנ'אויסנאהם איז נור געווען אונזער שטאדט טשענסטאכאוו. צוליעב חלוקי דעות, וואס הערשען אין די היעגע ציוניסטישע ארגאניזאציעס איז דעם פערגאנגענעם מאנטאג קיין פראטעסט-מיטינג נישט פארגעקומען און אויך די געשעפטען זענען נישט פערמאכט געווארען.

דער קהלה-פרעזעס האט אפילו יא צונויפגערופען וועגען דעם ענין אלע היעגע ארגאניזאציעס, נאר צוליעב דעם אויבענדערמאנטען טעם איז צו קיין געמיינזאמער פראטעסט - אקציע נישט געקומען, און אפילו נישט צו קיין בעזונדערע מיטינגען.

איז דען דאס נישט א גענוגענדער בעווייז, ווי צוריסען אונזער יודיש לעבען איז צווישען זיך, אז בעת אין דער גאנצער וועלט קומען פאר פראטעסט-מיטינגען, בעת עס האנדעלט זיך וועגען אונזער צוקונפט, איז נאר די איינציגע שטאדט טשענסטאכאוו אזוי נידריג געפאלען, אז אין א צייט די גאנצע יודישע עגזיסטענץ, אבי נאר די פערזענליכע אמביציעס זאלען נישט ליידען.

וואס שייך צו זאגען — א פיינער אטעסטאט פאר אונזערע קאכלעפעל איז עס!

ש.

# די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

פערגאנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די 15-טע לויט דער רייהע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דעם פרויען-פעראיין „עזרה".

פרעזעס פרוי וועקסלער עפענט מיט א קורצע איינלייטונג די פערזאמלונג.

אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט פרוי אינזשיניערארווא קאהן. אלס בייזיצענדע פרוי זארסקא און פרוי אימיך.

דער פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכער ווערט געלעזען דורך פרוי דראווע גייסלער, ווערט גענומען צו קענטניס.

פון בעריכט ווייזט זיך ארויס, אז די געזעלשאפט צעהלט 300 מיטגלידער און אז נישט קוקענדיג אויף דעם שווערען קריזיס, איז דאך א דאנק דער אנשטרענגונג פון דער פערוואלטונג געלונגען צו דערהאלטען דעם בילאנס פון פאראיאהר נאך מיט אנ'עודף. אזוי איז, למשל, צוטיילט געווארען 1874 זל. אויך איז פונאנדערגעטיילט געווארען 119 שטיקער וועש, 154 קליידער און 92 פאר שיך און אויך א געוויסער סכום פראדוקטען.

דער בעריכט ווערט איינשטימיג אנגענומען און עס ווערט אויסגעדריקט א דאנק דער אבטרעטענדער פערוואלטונג.

דער בודזשעט אויפ'ן לויפענדען יאהר ווערט בעשטעטיגט אויף דער סומע פון 4.500 זל.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: אין דער פערוואלטונג די פרויען: וועקסלער, אינזש. דאווידאוויטש, דראווא ליפינסקא, דראווא גייסלער, גריכטער, גוטמאכער, ראזענטאל, ציגלער, העפטלער, ערליך, גליקסמאן, קאפלאן, ליפשיץ, רושין. פערטרעטער פרויען: בערלינער, ראזען, בראמבערג, קאזשושניק. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע פר.: אל. קאהן, גרעניץ, אש און ה' נאטאן קאהן.

פרוי וועקסלער טראגט דאן אריין א פארשלאג, אז די פערוואלטונג זאל צוריק בעגייען די סאלא-זאיענטש פאר מיידלעך, וואס איז דורך דער אלטער פערוואלטונג פון דער קהלה ליקווידירט געווארען. די סאלא זאיענטש זאל געעפענט ווערען אין דער האנדווערקערשולע און עס זאלען בענוצט ווערען די מאשינען, וועלכע זענען איבערגעבליבען פון דער סאלא זאיענטש. אויך זאל צו דעם צוועק געשאפען ווערען א ספעציעלער פאנד.

עס ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אנטייל פרוי אינזש. דאווידאוויטש, גריכטער, בערלינער, ליפינסקא, קאפלאן א. אנד. אין רעזולטאט ווערט בעשלאסען דעם פארשלאג איבערצושיקען דער נייער פערוואלטונג.

די פערוואלטונג האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן:

פרעזעס — פרוי וועקסלער, וויצע — פרוי אינזש. דאווידאוויטש, קאסירער — דראווא ליפינסקא, סעקרעטאר — דראווא גייסלער.

צום סוף ווערט נאך בעשלאסען צו ווערבירען פרישע מיטגלידער פאר דער געזעלשאפט, און מיט דעם ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

## בילעגע טעאטער פארשטעלונג.

שבת, דעם 9 ד. ח. 4 נאכמ. וועט אין קאמעראל-טעאטער פארקומען א פארשטעלונג צו פאפולערע פרייזען (פון 50 ביז 80 גר.) פון ניקאדימ'ס פיעסע „דער שאטען". בילעטען צו בעקומען אין דער קולטור-ליגע אלעע 12.

## אלגעמיינע פערזאמלונג פון די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס.

זונטאג, דעם 10-טען ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון גימנאזיום די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער מיט'ן געהעריגען טאג-ארדנונג.

עס איז דער חוב פון אלע מיטגלידער צו בעזוכען די דאזיגע וויכטיגע פערזאמלונג פון דער אזוי נוצליכער אינסטיטוציע.

# א פערגעסענער בריעף...

(ערצעהלונג)

פון ה. קאמענעץ.

אנהויב זומער, ווען מאקס סאסקין האט ארויסגענומען דעם זומער-מאנטעל וואס ער האט שוין לאנג נישט געטראגען, האט ער אין די קעשענעס געפונען עטליכע פערלעגענע בריעף, וואס ער האט פערגעסען אוועקצושיקען.

די בריעף זענען אין דער קעשענע געלעגען נאך פון ענדע פאראיאהרען זומער אן. מאקס האט דאמאלס פערבראכט אין דארף און דער אייגענטימער פון זיין פענסיאנאט האט איהם איינמאל געהאט געבעטען אריינצוווארפען די בריעף אין פאסט-קעסטיל פון שכנות'דיגען שטעדטיל. און ס'איז איהם איצט געווארען מאדנע אונאנגענעהם אויף זיין נאכלעסיגקייט.

— ווער ווייסט ווי וויכטיג די בריעף זענען פאר עמיצען געווען — האט ער מיט פעראיבעל גערעדט צו זיך אליין — עס קען דאך זיין, אז עמיצער זאל האבען עפיס זעהר וויכטיגעס איבערגעשיקט.

עס האט איהם ארומגענומען א גרויסער פערדרוס און אויף א מינוט איז איהם געקומען אויפ'ן זינען ארונטערצולויפען אין גאס און זיי אריינווארפען אין א פאסט-קעסטיל, אבער אין דער צווייטער סעקונדע האט ער זיך געכאפט ווי לעכערליך עס וואלט געווען איבערצושיקען בריעף, וואס ליגען שוין מעהר ווי 6 חדשים אין זיינע קעשענעס.

דער פערדרוס אויף זיך אליין איז ביסלעכווייז איבערגעגאנגען אין נייגעריגקייט. איצט האט איהם שוין געצופט די פינגער אויפרייסען די קאנווערטען און זעהן, וואס דארט איז געשריבען. איינעגע פון די נעמען, וואס זענען געווען אנגעשריבען אין א ווינקעל פון קאנווערט זענען געווען זיינע בעקאנטע און די נייגיריגקייט האט איהם ארומגענומען ווי מיט אייזערנע צוואנגען. ער האט געוואוסט, אז עס איז נישט שעהן צו לעזען עמיצענ'ס בריעף, אז דאס איז פונקט ווי גנבה, אבער פונדעסטוועגען האט ער זיך מעהר נישט געקענט בעהערשען און ווי איינער וואס כאפט זיך צו צו א פערבאטענעם געטראנק, אזוי האט ער אנגעהויבען אויפרייסען איין קאנווערט נאכ'ן אנדערען און אנגעהויבען לעזען.

די בריעף האבען אין איהם ארויסגערופען אהן א שיעור עראינערונגען. עס האט זיך פאר איהם פונאנדערגעוויקעלט א גאלעריע פון מענשען, מיידלעך און בחורים, וועלכע ער האט שוין געהאט כמעט פערגעסען און זיין הארץ האט אנגעהויבען שטארק קלאפען.

איין בריעף האט איהם דערמאנט אין א הויכער, שעהנער פרוי, וועמען אלע האבען בערעדט, אז זי פיהרט זיך נישט אויף פיין מיט פרעמדע מענער. איהר בריעף צום מאן איז געווען פול מיט חניפה, מיט איבערגעטריבענער ליעבע און מיט מורא'דיג אויסגעטראכטע ליגענס.

— ס'ארא אוצר פון מענשליכער קענטניש מען קען פון די בריעף ארויסבעקומען — איז ער מיט יעדער מינוט אלץ מעהר פערכאפט געווארען און נישט דורכגעלאזט קיין איין שורה — וואס פאר א שטודיום פון מענשליכע נשמות!

מאקס האט אנגעהויבען דורכקוקען יעדען בריעף און זיך אנגעהויבען דערמאנען אין זיינע אייגענע טעג. פאר זיינע אויגען האבען אנגעהויבען ארויסשווימען זיינע זומערדיגע איבערלעבונגען. ווי א ליכטיגער שטראהל האט א שיין געטהון זיין אייגענע ליעבע, וואס ער האט געפיהרט טאקי מיט דער זעלבער מינא שולקין, וועמענס בריעף ער האט געהאלטען אין זיינע הענד און ס'איז איהם געווארען שווער דאס הארץ.

מינא פלעגט שטענדיג מיט גדלות אויסלאכען זיינע ליעבעס-ערקלערונגען און איהם שטענדיג ענטפערען, אז זי האט שוין א חתן.

— ס'איז אינטערעסאנט צו זעהן וואס זי האט געשריבען — האט ער מיט ציטערדיגע הענד געעפענט איהר בריעף — ס'איז טשיקאווע צו וויסען ווער דער בחור איז.

אבער פון די ערשטע פאר ווערטער, וואס ער האט איבערגעלייענט האט איהם אבגענומען דאס לשון. דער בריעף איז געווען אזא פערצווייפעלטער, געשריבען מיט אזוי פיעל דערשלאגענקייט און פערלוירענקייט, אז עס האט איהם אזש אנגעהויבען שטעכען אין ברוסט.

„איך שרייב דיר צום לעצטען מאל, —האט זי אנגעהויבען—אויב דו וועסט מיר נישט ענטפערן אויך אויף דעם בריעף, וועסטו פון מיר קיינמאל מעהר נישט הערען. איך קען שוין מעהר נישט אריבערטראגען די בעליידיגונג. שוין דריי בריעף האב איך דיר די וואך געשריבען. איינער איז געווען רעקאמענדירט און דו קענסט מיר נישט זאגען, אז דו האסט איהם נישט בעקומען, ווייל איך האב איהם אליין אריינגעטראגען אויף דער פאסט. ווי גאט איז מיר הייליג, אזוי איז הייליג מיין יעצטיג ווארט, אז אויב דו ענטפערסט מיר נישט גלייך אויף דעם בריעף וועל איך דיך מעהר נישט בעגעגנען... וויל איך מעהר נישט לעבען..."

מאקס האט מעהר נישט נעקענט לייענען. זיין הארץ האט זיך אויף א מינוט אבגעשטעלט, זיינע אויגען זענען פייכט געווארען.

— גאט מיינער!—האט ער אויסגערופען—אט האב איך דאך רואינירט א מענש. אפשר צוויי! וואס האב איך געטהון!

מורא'דיגע געוויסענסביסען האבען איהם ארומגענומען. די אמאליגע ליעבע צום מיידעל, וואס האט זיך שוין געהאט איינגעשטילט, האט זיך איצט צופלאקערט מיט א נייעם ברען.

— איך מוז צו איהר אריבערגעהן — האט ער אנגעהויבען שפאנען איבער'ן צימער און רעדען צו זיך אליין אויף א הויך קול — איך מוז צו איהר צולויפען, פאלען פאר איהרע פיס, זיך ענטשולדיגען, איהר דערצעהלען, אז דאס בין איך, וואס איך האב רואינירט איהר לעבען. איהר דערצעהלען, אז שולדיג בין איך.

ער איז שנעל ארונטער אין גאס, איז אוועק מיט'ן בריעף אין קעשענע אויפ'ן אנגעגעבענעם אדרעס און אין א ווייל'ע ארום האט ער אנגעקלינגען אין א טהיר ערגיץ אין א גאס.

— איך וויל זעהן מינא'ן — האט ער געציטערט מיט'ן גאנצען לייב אקעגען דער עלטערער פרוי, וואס האט איהם געעפענט די טהיר — איך דארף זעהר נויטיג זעהן אייער טאכטער.

די עלטערע פרוי האט איהם פערדעכטיג אנגעקוקט.

— מיין טאכטער וואוינט דא נישט מעהר — האט זי שטיל געזאגט — ווער זענט איהר?

— מיין נאמען איז מאקס סאסקין — אייער טאכטער איז מיינע א בעקאנטע. מיר האבען צוזאמען פערבראכט אין דארף.

די פרוי האט זיך אביסעל בערוהיגט.

— מינא האט חתונה געהאט — האט זי געזאגט מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים. איך קען אייך געבען איהר אדרעס.

א שטיין איז ארונטער פון זיין הארץ. א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיין פנים.

— אבי איך האב זיך... — האט ער נישט פערענדיגט — גיט מיר טאקי איהר אדרעס, איך וואלט זי געוואלט זעהן.

און אין א ווייל'ע ארום איז ער שוין געזעסען אין מינא'ס בעשיידענער וואוינונג.

זי איז דורך דער צייט געווארען זעהר מאגער, מיט גריבער אונטער די אויגען. א ווייל'ע האבען ביידע געשוויגען, אבער צום סוף האט מאקס, גלייך ווי ער וואלט זיך בעפרייט פון עפיס, וואס האט געדריקט אויף זיין הארץ, ארויסגעזאגט:

— אבי אלץ האט זיך אויסגעלאזט צום גוטען.

— וואס מיינט איהר?—האט זי נישט פערשטאנען וואס ער רעדט.

— איך מיין... איהר האט חתונה געהאט.

מינא איז געווארען בלייך און א זיפץ געטהון:

— יא—האט זי געזאגט—איך האב חתונה געהאט.

— אבער פארוואס אזוי טרויעריג? — האט ער זיך צושמייכעלט.

זי איז גאר בלייכער געווארען. אין די אויגען האבען זיך איהר געשטעלט טרעהרען. זי האט אנגעהויבען וויינען. זי האט איהם דערצעהלט, אז דעם בחור, וועמען זי האט אזוי ליעב געהאט האט זי מעהר נישט געזעהן. אז מיט'ן יעצטיגען מאן האט זי חתונה געהאט אויף צו להכעיס יענעם און אז פון דער חתונה אן געהט זי ארום ווי א משוגענע.

— מעגליך, אז ס'איז געווען מיין אייגענע שולד — האט זי אבגעזיפצט — דער לעצטער בריעף צו איהם איז געווען א צו שטרענגער. איך האב אליין איבערגעריסען די בריקען.

מאקס האט ממש דערפיהלט, אז ער איז א מערדער. ער האט זי געוואלט טרייסטען און נישט געוואוסט ווי אזוי.

— און ער איז אייך נישט געקומען איבערבעטען? — האט ער שטיל געפרעגט.

— ער איז געקומען—האט זי טרויעריג געענטפערט—איך ווייס נישט וואס מיר איז דאמאלס געווען. נישט אנדערש, נאר איך בין משוגע געווארען. איך האב איהם נישט אריינגעלאזט אין הויז. אויף צו להכעיס איהם האב איך געכאפט דעם ערשטען יונגענמאן און חתונה געהאט.

מאקס האט מעהר נישט גערעדט, ווען ער איז ארויס פון איהר הויז איז ער געווען נידערגעשלאגען, זיין פנים איז געווען בלייך און געקנייטשט פון וועהטאג.

# ווי מיר האלטען אין דער וועלט

## א סך־הכל פון דער יודישער עקאנאמישער לאגע

פון יעקב לעשטשינסקי.

מיר ברענגען דא אייניגע אויסצוגען פון א גרעסערע ארבייט, וועלכע דער בעקאנטער פובליציסט יעקב לעשטשינסקי האט אנגעשריבען וועגען ד'ער יודיש-עקאנאמישער לאגע אין אונזער צייט. דאס ווערק ווערט אינגיכען ארויסגעגעבען ווערען אין פאריז דורך דער עקזעקוטיווע פאר'ן יודישען וועלט-קאנגרעס.

די עקאנאמישע און פאליטישע ענטוויקלונג נאך דער מלחמה האט געשאפען אין גאנץ אייראפא גאר נייע תנאים פאר'ן יודענטום. די דאזיגע תנאים זענען נישט נאר נישט געווען גינסטיג פאר'ן היסטארישען פראצעס פון דער געזונד - ווערונג פון דער סאציאלער סטרוקטור, נאר זיי האבען איינגאנצען חרוב געמאכט די עקזיסטענץ-יסודות פון אלע קלאסען אינ'ם יודענטום. עס ליידען דערביי סיי די ארבייטס-קלאסען, סיי די נישט-ארבייטער. דאס יודישע בירגערטום איז געווארען א „לומפען-בירגערטום" פונקט ווי דער יודישער פראלעטאריאט איז געווארען א „לומפען-פראלעטאריאט", בעת ווען דאס רוב פעלקער ליידען פון קריזיס, דער עיקר די פראלעטארישע קלאסען, וואס זענען פאליטיש און פראפעסיאנעל ארגאניזירט און זענען פערזארגט מיט אנ'עקזיסטענץ מינימום מצד דער מלוכה, ליידען ביי די יודען קודם-כל די גרויסע מאסען מיטעלע און קליינע בירגער וואס זענען נישט ארגאניזירט און מיט קיין שום מינימום נישט פערזארגט. אויך די לאגע פון יודישען פראלעטאריאט איז נישט צו פערגלייכען מיט דער לאגע פון נישט-יודישען. דער יודישער איז א האנדווערקער-פראלעטאריאט און אין א סך לענדער קאן ער נישט געניסען פון דער מלוכה-פערזיכערונג געגען ארבייטסלאזיגקייט.

אויך די פראלעטאריזירונג פון די יודישע מאסען האט זיך אנגעשטויסען אויף אונבעשרייבליכע שוועריגקייטען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז יודען האבען לחלוטין נישט קיין צוטריט אין די מלוכה'שע קאנצעלאריעס און אין די מלוכה'שע אונטערנעהמונגען; אז אין די טרעסטען און קאנצערנס האט די יודישע ארבייט כמעט קיין אנווענדונג נישט.

דער פראצעס פון ארויסשטופען יודען האט זיך אנגעהויבען נאך פאר דעם יעצטיגען עקאנאמישען קריזיס. אין פעריאד פון עקאנאמישער אויפלעבונג האט ער זיך אזוי נישט געשפירט, נאר באלד ווי עס איז געקומען דער קריזיס, וואס האט אומעטום ארויסגערופען גאר א שטארקע אריינמישונג פון די רעגירונגס ארגאנען אין ווירטשאפטליכען לעבען האט די דאזיגע ארויסשטויסונג אנגענומען מיטאמאל קאטאסטראפאלע פארמען. די אריינמישונג פון די רעגירונגען האט נישט נאר אנגענומען ביי די יודען-אונטערנעהמער יענע אויבערהאנד, וואס עס האט זיי נעגעבען דער פרייער מארק און וואס האט צום טייל קאמפענסירט זייער פאקטישע נישט-גלייכבערעכטיגונג, נאר זי האט געבראכט דערצו, אז אלע יודען זענען אריינגעפאלען אין אנ'אויסנאהם-לאגע, אזוי למשל, האט דער טאבאק-מאנאפאל, וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין פוילען נישט נאר געבראכט דערצו, אז איין אדער צוויי צעהנדליגג יודישע פאבריקאנטען האבען פערלאזען זייערע גוטע געשעפטען, וואס דאס וואלט נאך געווען א קליינע צרה, נאר עס זענען ארויסגעווארפען געווארען אלע יודישע אנגעשטעלטע און ארבייטער פון די טאבאק-פאבריקען. עס האבען פערלוירען זייער ברויט אלע יודישע אגענטען אויף איינצוקויפען דעם טאבאק-רויכווארג, אלע יודישע טאבאק-הענדלער. מיט איין ווארט: א גאנצע ווירטשאפט-צווייג, וואס יודען האבען נעשאפען (נישט בלויז דער יודישער קאפיטאל נאר אויך די יודישע ארבייט) און וואס צעהנדלינגער יאהרען איז ער געבליבען כמעט אויסשליסליך אין זייערע הענד און האט מפרנס געווען א סך טויזענדער משפחות, איז ארויסגעריסען געווארען פון יודישע הענד.

אין דייטשלאנד איז די אויסשליסונג פון יודען פון אלע געביטען פון ווירטשאפטס-לעבען געווארען דער אפיציעלער רעגירונגס-פראגראם און ווערט דורכגעפיהרט אין א ברייטער מאס מיט דער הילף פונ'ם רעגירונגס-אפאראט.

אין לעטלאנד, ליטא און טשעכאסלאוואקיען איז די עקאנאמישע פאליטיק פון דער רעגירונג נישט אזוי בפירוש אנטי-יודיש, נאר אויך דארט ווערען יודען פאקטיש נישט צוגעלאזט צו מלוכה-דינסט. אביעקטיוו ווערט געשאפען אזא לאגע, אז אויך אין די דאזיגע מלוכות ווערט דער יודישער סוחר און אונטערנעהמער בע'עולה'ט ביים ארויסגעבען כל'ערליי ערלויבענישען אויף ארויסצופיהרען אדער אריינפיהרען סחורות, אדער ביים איינטיילען וואלוטע וכדומה, יודישע אנגעשטעלטע און ארבייטער ווערען אויסגעמיטען ביים אננעהמען אויף שטעלעס אין די מאנאפאליזירטע אדער פון דער מלוכה קאנטראלירטע ווירטשאפטס - צווייגען, אלע יודישע קלאסען ווידער ווערען בע'עולה'ט ביים פונאנדערטיילען שטייערען א. אז. וו. נאך טרויעריגער איז די לאגע אין רומעניען און אין אונגארן.

רוסלאנד און עסטרייך, די ביידע מלוכות, וואו עס האבען געוואוינט אכט מיליאן יודען, זענען צופאלען. די קליינע מלוכות, וואס האבען זיך אויף זייער ארט אויסגעבילדעט, פיהרען א שאוויניסטישע פינאנץ-עקאנאמישע פאליטיק, וואס שטעלט יודען בדלות. די אינפלאציע, וואס האט בדלות געשטעלט די מיטעלע קלאסען, האט בעזונדערס שטארק אנגעריהרט דאס יודענטום, וואס אין איהם זענען די דאזיגע קלאסען בעזונדערס שטארק פארגעשטעלט. עס זענען גיך אויסגעוואקסען טרעסטירטע און פער'מלוכה'שאפטליכע ווירטשאפטס-צווייגען, וואס יודען האבען צו זיי קיין צוטריט נישט. און צולעצט איז געקומען דער חורבן פון דייטשען יודענטום. אט די אלע געשעהענישען פון די לעצטע צעהנדליגער יאהרען האבען ווידער אמאל ארויסגעבראכט ביי יודען א קלאס „לופט - מענשען", וואס איז אונבעשרייבליך אויסגעוואקסען. הונדערטער טויזענדער יודען פון די מיטעלע קלאסען זענען דעקלאסירט געווארען, הונדערטער טויזענטער בעלי-מלאכות און ארבייטער זענען ארויסגעווארפען געווארען אויף דער גאס. א היבשער טייל פון די פארשטעהער פון די ליבעראלע פראפעסיעס זענען געבליבען אהן ברויט. דאס יודענטום איז בדלות געשטעלט און צוטרייסעלט ביז'ן גרונד. די עמיגראציע, וואס איז פאר דער מלחמה געווען א ראטונגק פאר מיליאנען יודען און וואס האט געשפילט אזא גרויסע ראלע אין פראצעס פון געזונדווערונג פון יודענטום, האט די לעצטע צעהן יאהר אנגעוואוירען כמעט איהר גאנצע בעדייטונג.

דאס יודישע פראבלעם איז א געוואלדיג שווער פראבלעם, וואס נאר א מלוכה קאן זיך נעמען פאר איהר. די יודישע דעזארגאניזירטע, צווארפענע נאציע, וואס הענגט אייביג צווישען יא א נאציע און נישט קיין נאציע — איז נישט בכוח אליין אויסצוטראגען דאס יודישע פראבלעם. די רעגירונגען ווידער פון יענע לענדער, וואו די יודישע מאסען הונגערן און געהן אויס פון די כוחות, צאפלען זיך ווי פיש אין נעץ און פאלען אריין אין יאוש — די דאזיגע רעגירונגען, וואס שטעלען די יודען פאדערונגען ווי צו פולע בירגער, לא די, וואס האלטען נישט פאר זייער חוב אנצונעמען עקסטרא מיטלען אויף צו ראטעווען די דאזינע מאסען פון הונגער-נויט, אויף צו שאפען פאר זיי עקזיסטענץ-קוועלען אויפ'ן ארט פון די פערלוירענע אדער אבגענומענע, נאר זיי האלטען אפילו נישט פאר נויטיג אבצוהיטען די אלגעמיינע געזעצען, וואס זענען גאראנטירט פאר יודען.

----

וואס ברייטער און שארפער ס'ווערט די נויט פון די יודישע מאסען, וואס מעהר זי נעמט אן דעם כאראקטער פון א קאטאסטראפע פון גאנצע גרופעס און קלאסען, אלץ קלארער ווערט, אז עס זענען צוטרייסעלט די עצם-יסודות פון דער עקזיסטענץ פונ'ם יודענטום.

# נייע צייטען - נייע טענות.

פון דר. א. גינזבורג.

די ווילדע פערפאלגונגען פון די יודען אין דייטשלאנד ווערען גאנץ אפט פערגליכען צו די פערפאלגונגען, וואס די יודען האבען געהאט אויסצושטעהן אין מיטעלאלטער סיי אין דייטשלאנד און סיי אין די איבריגע אייראפעאישע לענדער. די יעצטיגע פערפאלגונגען פון די יודען אין דייטשלאנד ווערען דעריבער בעטראכט אלס א צוריקשפרונג צום מיטעלאלטערליכען בארבאריזם.

דאס איז אמת בלויז בנוגע די פערפאלגונגען גופא. די יודען ווערען איצט פונקט אזוי ברוטאל און מערדערליך פערפאלגט אין דייטשלאנד, ווי זיי זענען דאן פערפאלגט געווארען אין די אלע אייראפעאישע לענדער. די מאטיווען און די בערעכטיגונגען פון די איצטיגע פערפאלגונגען זענען אבער איינגאנצען אנדערע ווי דאן.

דער הויפט-מאטיוו פון די יודען-פערפאלגונגען אין מיטעלאלטער איז געווען דער רעליגיעזער עלעמענט. די יודען זענען פערפאלגט געווארען, ווייל זיי זענען א הארטנעקיג פאלק און זיי האבען נישט געוואלט אננעמען די געטליכקייט אדער, לכל הפחות, די משיחקייט פון יעזוסען. דאס קריסטענטום, ווי אלע אנדערע אינטערנאציאנאלע רעליגיעס, ווייל נישט וויסען פון קיין ראסען-אונטערשיידונגען. פאר דעם קריסטענטום, ווידער אמאל ווי פאר אלע אינטערנאציאנאלע רעליגיעס, זענען אלע ראסען און נאציאנאליטעטען גלייכבערעכטיגטע. ווייס אדער שווארץ, ברוין אדער געל — אלע זענען זיי גלייכבערעכטיגטע קינדער פון איין פאטער אין הימעל, אויב, פערשטעהט זיך, זיי גלויבען אין יעזוסען... די יודען זענען בנוגע דעם נישט געווען קיין אויסנאהם. אויב עס איז יא דא אנ'אונטערשיד צווישען די יודען און די אנדערע פעלקער, איז עס גיכעו צום בעסערען. ווייל לויט דעם קריסטענטום איז דאס יודישע פאלק אמאל געווען דאס אויסדערוועהלטע פאלק. דער הויפט מאטיוו פון די יודישע פערפאלגונגען איז, אלזא, געווען א רעליגיעזער, וואס האט מיט דער יודישער אבשטאמונג קיין שום שייכות נישט געהאט.

גאנץ אנדערש איז עס אבער אין איצטיגען דייטשלאנד. דארטען ווערען די יודען פערפאלגט נישט צוליב זייער רעליגיע, נאר ווייל זיי שטאמען אב פלומרש'ט פון א נידריגערע ראסע, ווייל זיי זענען סעמיטען, אין נישט קיין אריער. מעג אייגער זיין דער פרומסטער קריסט, נאר קוים רינט יודיש בלוט אין זיינע אדערען, קוים האט ער געהאט א יודישען זיידען אדער באבען, איז ער א פערלוירענער מענש, א סעמיט, ווי אלע סעמיטען, וואס מוז שטעהן מחוץ למחנה.

דער היטלעריזם מיט זיין אזוי-גערופענער „ראסען-טעאריע" איז אין תוך גענומען א רעוואלט געגען דער קריסטליכער רעליגיע, וואס איז געגען ראסען-אונטערשיידען. ער איז אויך א רעוואלט געגען דער קריסטליכער מאראל, וואס וויל נישט וויסען פון קיין „איבער-מענשען" מיט זיינע ספעציעלע רעכטען. דער היטלעריזם איז, אזוי דאכט זיך מיר, אין זיין עצם א רעוואלט געגען דעם גאנצען קריסטענטום. ער איז א שפרונג צוריק נישט צום מיטעלאלטער, נאר צו דעם פערצייטיגען פאגאניזם. דייטשלאנד וויל האבען איהרע אייגענע געטער, איהר אייגענע רעליגיע, און איהר אייגענע מאראל.

מען דארף נישט פערגעסען, אז דאס קריסטענטום מיט זיין מאראל איז א פרעמדע פלאנצונג אין אייראפא. ער איז אהין אריינגעבראכט געווארען פון אזיע. ער איז א פראדוקט פון דעם אריענט — פון דעם סעמיטישען אריענט.

די פ י נ ע ז ע ר האבען זיך געשאפען זייער אייגענע רעליגיע — דעם קאנפוציאניזם. די א י נ ד י ע ר האבען זיך געשאפען דעם בראהמיזם און דעם בודהיזם. די יודען און די אראבער האבען זיך זייערע אייגענע רעליגיעס. ביי די דאזיגע פעלקער זענען די רעליגיעס געווען זייערע אייגענע פאלקס-שאפונגען. גאנץ אנדערש איז עס מיט די אייראפעאישע פעלקער, איבערהויפט מיט די אזוי-גערופענע „נארדיקס". דאס קריסטענטום, דאס ס ע מ י ט י ש ע קריסטענטום, איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געווארען פון דרויסען. דאס קריסטענטום איז זיי געווען פרעמד און איז זיי געבליבען פרעמד.

מאנכעס מאל דאכט זיך מיר, אז אין דער שנאה געגען די „סעמיטען" דריקט זיך אומבעוואוסטערהייט אויס די שנאה, וואס די דאזיגע פעלקער פיהלען געגען דעם סעמיטישען קריסטענטום, וועלכער זוכט צו צוימען מיט זיין „שקלאפען מאראל" זייערע ווילדע נייגונגען און אינסטינקטען. דאס איז די זעלבע שנאה, וואס דער נישט-געצוימטער און נישט „איינגעבראכענער" פערד פיהלט געגען זיין רייטער, ווען ער זוכט פון זיך אראבצווארפען.

מענשען, וואס לייד'ען פון בעשווערטען שטוהל-גאנג און זענען געקוועלט פון דער מאסטודערים-שליימהויט אדער העמאראידען-קניטען בענוצען צו דער רייניגונג פון די געדערים אינדערפריה און אין אוונד צו א פערטיל גלאז נאטירליך ביטערוואסער
FRANCISZKA JÓZEFA

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## „התורה והמדרש".

רבותי, צו ווייסט איהר דעם טייטש פון די דאזיגע ווערטער? ניין? וועל איך זיי אייך קלאר מאכען.

מיט הונדערט יאהר צוריק האבען אונזערע עלטערען (צווישען זיי אויך מיין עלטער-זיידע) אויפגעבויט א בית-המדרש, וואס געפונט זיך נאך אין דעם זעלבען צושטאנד, ווי אמאל; וואס רעד איך — אין אנ'ערגערען צושטאנד, ווארום מיט אנ'ערך 30 יאהר צוריק, ווען דער שרייבער פון די דאזיגע שורות האט געלערנט אין דעם זעלבען בית-המדרש אלס ישיבה-בחור, האט עס איינגאנצען געלעבט. די פאליצעס זענען געווען פול מיט ספרים, און עטליכע הונדערט בחורים, סיי היגע און סיי פרעמדע, האבען אנגעפולט דאס בית-המדרש מיט זייער לערנען.

היינט איז דאס בית המדרש נאר א מקום-תפילה און נישט קיין מקום-למוד, האט דעריבער דער היגער רב שליט"א געגעבען די איניציאטיוו, צוזאמענצערופען עטליכע בעלי בתים, צווישען זיי אויך געוועזענע בית-המדרש-בחורים, און עס איז אויסגעארבייט געווארען א פלאן איבערצובויען און אויפצובויען א ניי בית המדרש. און אומר ועושה— שוין גענומען לעשען קאלך, פערטיג געמאכט א פלאן, און היידא צו דער ארבייט.

כדי אבער צו האבען די מאטעריעלע מעגליכקייט אויסצופערטיגען דעם בנין, איז צווישען אנדערע, אויסגעארבייט געווארען פאלגענדער פלאן: צו שרייבען א ספר-תורה און יעדער טשענסטאכאווער יוד זאל קויפען אנ'אות, א ווארט אדער א פסוק און פון דעם געלד זאל מען אויפבויען דאס בית - המדרש. דער רב האט צו דעם צוועק געשאנקען צוויי חלקים פון די חומשי תורה.

פע־גאנגענעם דאנערשטאג איז אין דער שטאדט - שוהל פארגעקומען די פייערליכע התחלת-הספר, וואו מען האט פערקויפט די אותיות, ווערטער און פסוקים. דער חשוב'ער רב האט דערביי געהאלטען א זעהר שעהנע דרשה, חזן פאדאש מיט'ן כאר אין דער בעגלייטונג פון א יודישער מוזיק האבען געזינגען און געשפילט און דער עולם האט געקויפט.

עס איז אבער געווען צו בעמערקען, אז ביי דער פייערונג פעהלען א גרויסע צאהל כלל-טהוער, דאזארעס, וועלכע קומען ביי אנ'אנדערע געלעגענהייט, ווען ס'האנדעלט זיך ביי בענקלען כיבודים... ס'וועט זיין גענוג צו זאגען, אז פון אלע דאזארעס זענען נישט מעהר געווען, נאר דער פרעזעס און וויצע-פרעזעס פון דער קהלה פערוואלטונג און דער פרעזעס פון קהלה-ראט; ווייטער איז מאן דכר שמיה. אויך האט מען אין א קליינער מאס געזעהן די אגודה-פערטרעטער, וועלכע האבען אזוי פיעל ארומגערודערט, אז מען מוז האבען א בית-המדרש פאר די בחורים און בעת עס האלט ביים פערווירקליכען די זאכען, זענען זיי נישטא.

סיי-ווי האט מען דאס גרויסע ווערק אנגעהויבען און בעת דער פייערונג איז געפאלען אנ'ערך פון 1200 זלאטעס. א רייה סוחרים האבען אויך צוגעזאגט צו געבען פערשידענע בוי-מאטעריאלען.

אלזא נעמט אין אכט: אין תקצ"ד, ד. ה. מיט הונדערט יאהר צוריק, איז די פערזאמלונג וועגען בויען דאס בית-המדרש פארגעקומען אין דער שוהל און אין תרצ"ד איז די פערזאמלונג וועגען דעם ענין אויך פארגעקומען אין דער שוהל.

דאמאלס האט דער דאזיגער בנין-אויפטהו! נישט געהאט קיין נאמען, היינט אבער, מיט הונדערט יאהר שפעטער, אין דער צייט פון אוויאטיק און ראדיא, מוז אלץ טראגען א נאמען, און דעריבער האט מען עס געקרוינט מיט'ן נאמען: „התורה והמדרש".

## א רחמנות, נעביך, אויף די הויז־ווירטען...

אז די הויזווירטען זענען נעביך היינטיגע צייטען ווערט בעדויערט צו ווערען, ווייסען אלע, ווייל אזעלכע, צרות, ווי זיי האבען, האט קיינער נישט, און עס איז אויף זיי א צער בעלי-חיים. שטעלט אייך פאר, אז הייזער האבען זיי, און פרעמדע וואוינען גאר דארט... עס איז אנ'אומגליק אויסגעמאסען אויף די בעלי-בתים'ס לעבען, ווייל זיי קאנען נישט הויבען ס'דירה געלד.

אויב דאס איז אייך ווייניג, וועל איך אייך נאך דערצעהלען וועגען זייערע צרות נעביך...

אין דער קהלה זענען געקומען א גרופע בעלי-בתים מיט א פאדערונג, אז איינס פון די צוויי: אדער מען זאל זיי בעפרייען פון עטאט, ווען נישט, זאל מען נישט ארויסגעבען די לאקאטארען קיין ארים-בעשייניגונג, ווארום ממה נפשך: אויב איהר גיט ארויס א בעשייניגונג אונזערע לאקאטארען, אז זיי זענען ארים, קאן מען דאך זיי נישט ארויסווארפען פון די דירות און ממילא קאן מען נישט קומען צו א פאר פרישע גילדען, דעריבער זענען די הויז-בעזיצער נישט אימשטאנד צו צאהלען עטאט. און אויב די קהלה וויל, אז די נעבעכדיגע בעלי בתים זאלען צאהלען עטאט, זאלען זיי די שנארערישע לאקאטארען נישט געבען קיין בעשייניגונגען.

איז דאס נישט קיין סימן, אז די בעלי-בתים געפינען זיך אין א גרויסער צרה?! איז מיר טאקי א רחמנות אויף די הויזווירטען...

## א נייע גזירה.

צו די אלע גזירות, וועלכע שיטען זיך לעצטענס אויף די קעפ פון די שטייער-צאהלער, איז ארויס א שפאגעל נייע גזירה, דהיינו: מען טאר נישט פאהרען מיט קיין שווערע וועגענער איבער'ן אספאלט אין דער אלעע.

וועט איהר דאך פרעגען: מה ענין אספאלט צו די שטייער-צאהלער? וועל איך אייך באלד די קשיה פערענטפערען.

היות, ווי דער אספאלט אין די אלעען קרישעלט זיך, טאר מען נישט פאהרען אויף איהם מיט קיין שווערע משאות און אויב עמיצער וויל דוקא, אדער ער מוז פאהרען דורכ'ן אספאלט, טא „אוועסם", נאר ער מוז בעצאהלען א געוויסען חודש'ליכען פאדאטעק און היות והיות, דער אספאלט איז איצט אונטער דער השגחה פון מאגיסטראט,

# טבריה - די אַלטע יודישע שטאָדט, וואָס איז איצט פערפלייצט געוואָרען.

פון ה. לאַנג.

די נייעס, אַז אַ קאַטאַסטראָפע איז בעפאַלען די שטאָדט טבריה — אַ פלוצלינגער מבול איז אויף איהר נעקומען ברענגט אריין אין די געשפרעכען פון טאָג איינע פון די עלטסטע שטעדט אין ארץ-ישראל.

אַ גוס-רעגען אין דער יעצטיגער צייט פון יאָהר, וואס איז אינ'ם געגענד אונגעוועהנליך און מעכטיגע שטראָמען וואַסער פון די אַרומיגע בערג, וואס האבען פערגאָסען אַ טייל פון איהרע גאַסען און הרוב געמאַכט איהר עלטסטען קוואַרטאַל, האבען געבראכט צושטערונג אויף אַ שטיק אַלטען, אויך גייעם יודישען לעבען.

טבריה איז פון די „פיר הייליגע שטעדט" אין פאַלעסטינאַ — ירושלים, חברון, צפת און טבריה.

בעריהמטהייט אין דער יודישער געשיכטע האט טבריה געהאַט אַלע מאָל. אין זעקצטען יאָהרהונדערט, לויט דער יעצטיגער צייט-רעכנונג, איז טבריה געווען דער מיטעלפונקט פון יודען אין ארץ-ישראל. ס'איז דאָרט געווען אַ רייך יודיש לעבען. אויסגראָבונגען, אָנגעפיהרט פון דעם העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים דערצעהלען פון גרויסע יודישע ישובים מיט אַנדערהאַלבען טויזענד יאָהר צוריק אין טבריה אין אַרום טבריה. די געגענד איז שוין חרוב געוואָרען עטליכע מאָל. אונטער די בערג אַרום איהר, ביי די ברעגעס פון דעם דערבייאיגען ים כנרת, וואס איז פון די שענסטע, קאָלירפולסטע פאַלעסטינער ערטער, ליגען פערגראָבען ביינער פון טויזענדער נפשות, וואס זענען אומגעקומען אין ערד-ציטערנישען. אַן'ערד-ציטערניש, וואס איז דאָרט געווען אין יאָהר 1837 האָט פערשאָטען העכער 700 טבריה'ר נפשות.

אגב, די יעצטיגע „חמי טבריה" האבען פיעל פערשפראָכען פאַר אַן'איבערבויאונג פון טבריה און אַן'ענטוויקלונג פון גאַנצען געגענט. אין די לעצטע דורות איז דאָרט געווען אַן'אָרט פון שמוץ. אַ שרעקליכער ריח האט זיך פון זיי געטראָגען. דער קלימאַט דאָרט איז אַ הייסער. טבריה גופא ליגט 680 פוס אונטער'ן ים פלאַך. איהר נאָהנטער אומגעגנד איז נישט העכער. די היץ דאָרט איז אזוי ברענענד, אַז מ'פיהלט, אַז מען שלינגט פייער. צו די „חמי טבריה" פלעגען ביז דער לעצטער צייט קומען מייסטענס אַראַבער. ריינליכקייט איז ביי זיי נישט געווען קיין פּראָבלעם. אין די וואַסערען פון די „חמי טבריה" איז פעריהאַן קראַפט געגען קראַנקהייטען, ספּעציעל צו היילען רעוומאַטיזם, אָבער יודען פון אייראָפּאַ און פון אמעריקאַ האבען פון זיי געווייכט. דער שמוץ האט געשרעקט. זייט יודען האבען אין די לעצטע יאָהרען געקריגען אַ קאָנצעסיע איבער זיי, איז דאָרט געוואָרען אַזאַ ענדערונג צום גוטען, אַז אַלטע ארץ-ישראל איינוואוינער האבען אויפגעהערט צו דערקענען דעם גאַנצען פלאַץ. נישט ווייט פון דאָרט, נעהנטער צו דער שטאָדט, צו די טבריה'ר גאַסען, האט זיך אין די לעצטע פאַר יאָהר אויך אויסגעבויט אַ גאַר נייער קוואַרטאַל, אַ פאָרשטעדטיל צו טבריה. דאס איז דער „קרית שמואל" אויפ'ן נאָמען פון אמאליגען פאַלעסטינער האַי-קאָמישיאָנער הערבערט סאַמועל. ער האט פיעל בייגעטראָגען דערצו, אַז אַרום טבריה זאָלען זיך אויפבויען נייע יודישע פאָרשטעדטלעך. דאס טהוט איצט אויך זיין זוהן, וועלכער איז איינער פון די פאַלעסטינער גובערנאַטאָרען און פון די אינטערעסאַנטסטע יונגע יודישע געשטאַלטען אינ'ם יעצטיגען פאַלעסטינער לעבען.

מערקווירדיג איז, וואס טבריה איז שוין מעהר ווי איין מאָל געוואָרען חרוב און מעהר ווי איין מאָל געוואָרען אויפגעבויט פון דאס ניי און וואס אין איהרע אויפלעבונגען האבען געשפּילט א ראָלע גאַנץ אייגענאַרטיגע יודישע געשטאַלטען.

אין דער יעצטיגער טבריה זענען נאָך פערהאַן אָנדענקונגען פון די צייטען, ווען זי איז געווען אַן'אַלט יודישער קולטור-צענטער. דאָרט האבען זיך געשאַפען די עלטסטע מדרשים, די „מכילתא". און אין טבריה'ר שטיבלעך און אין בתי-מדרשים האט מען נאָך ביז דער לעצטער צייט געקאָנט געפונען ספרים, וואס האָבען דערצעהלט פון היסטאָרישע פאַסירונגען אין טבריה מיט א קאָליר פון לעגענדעס.

אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פון טבריה פון די צייטען פון יוסף הנשיא. דאס איז געווען אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, נאָך די שפּאַניש-פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציעס. יוסף הנשיא איז געווען פון די נקמה זוכער אויף שפּאַניע און אויף אַנדערע קריסטליכע לענדער, אין וועלכע יודען האבען געהאַט אויסצושטעהן יסורים. ער האט געשטאַמט פון שפּאַניע, איז געווען פון די נאָהנטסטע ראַטגעבער צום טערקישען סולטאַן פון זיין צייט און איז געווען מעכטיג אין דער פּאָליטישער וועלט, ווי אינ'ם וועלט-האַנדעל פון זיין דור. ער האָט געפיהרט עקאָנאָמישע מלחמות מיט פראַנקרייך, פערכאַפּט פראַנצויזישע שיפען מיט סחורה, נעמענדיג הילף פון פיראַטען (ים גזלנים) און אַ האַנד האָט ער אויך נעהאט ביים בעשטימען אַ קעניג פאַר פוילען. ער האט געקריגען פון טערקיי די שטאָדט טבריה מיט דערפער אַרום איהר צו בעזעצען דאָרט יודען. ער האָט ענטוויקעלט אין טבריה און אומגעגענד זייד-פּראָדוקציע. ער האט דאָרט געפלאַנצט בוימער פאַר דעם צוועק און איינגעשטעלט שפּינערייען. ער האט אויך אַהין געבראַכט שאָף פון אַנדערע לענדער. ער האט געשיקט שיפען קיין איטאַליע, ווענעציע און אַנקאָנאַ צו ברענגען וואַנגלענדע יודען פון אַלע ברעגעס אַרום מיטעללענדישען ים. און יודען זענען אויך געקומען. דאס האט געפיהרט צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען פראַנקרייך און טערקיי; ער האט אָבער געווירקט, אַז טערקיי זאָל פאַרט זיין פאַר דער יודישער אויפלעבונג פון טבריה. ער איז געווען אינ'ם דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס פונ'ם סולטאַן. און געהאָלפען איהם אין דער יודישער אויפלעבונג פון טבריה האט אַן'אַנדערע פערזענליכקייט, וואס האט געשטאַמט פון יודען אין שפּאַניע — ד"ר פראַנציסקאַ קאַראַנעל. ער איז געווען אַ קריסט, אָבער געשטאַמט פון אברהם סעניאָר פון דער שפּאַנישער שטאָדט סעגאָוויע, וועלכער האט זיך געשמד'ט דורך אַ ספּעציעלען דרוק פון די שפּאַנישע הערשער אין די לעצטע טעג פאַר'ן יודישען גירוש פון שפּאַניע, אָבער פריהער האט ער געזוכט צו ווירקען צוזאַמען מיט יצחק אבארבאַנעל, אַז מ'זאָל די יודען נישט אַרויסטרייבען און זיי אין שפּאַניע אויך בעסער בעהאַנדלען. דער שמד פון אברהם סעניאָר ווערט געשילדערט אין דער געשיכטע ווי אַ דראַמאַטישער פעררעט צו יודען; אַן'אוראייניקעל פון איהם, אַלואַ, האט געהאָלפען יוסף הנשיא אויפצולעבען טבריה. נאָך יוסף הנשיא'ס טויט איז אַלץ, וואס ער האט אונטערגענומען אין טבריה, געוואָרען חרוב. אַראַבער האבען דאָרט אונטערגעצינדען הייזער, פערברענט פעלדער.

אַזוי האט טבריה געהאַט קאַפּיטעל נאָך קאַפּיטעל מיט דעם ספּעציעלען סאָרט „יודישען ראָמאַנטיזם". די בעוועגונג אַרום דעם מיסטיקער דוד הראובני און זיין נאָכפאָלגער שלמה מלכו, געשטאַלטען מיט פייערדיגע פאַנטאַזיעס פאַר יודישער בעפרייאונג, האט זיך אַן'אייגענעם טבריה קאַפּיטעל. מיט אונגעפעהר אַ יאָהר צוריק האב איך געזעהן אין טבריה א האַלב-פערזונקענע קלויז מיט אַן'אויפשריפט אויף אַ וואַנד „תקון עולם שדי" און דערביי האַלב-אָבגעריבענע פּסוקים, וואס האָבען ענטהאַלטען דעם געדאַנק: בעפרייאונג פון דער יודישער נאַציע און דורך דעם די בעפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט"; און דאס זענען דאָך געווען לאָזונגען, שלאַג-ווערטער אין די בעוועגונגען אַרום דוד הראובני און שלמה מלכו. און וואס איז מיט דער בעוועגונג אַרום דעם פאַלשען משיח שבתי צבי? טבריה האט געהאַט גרויסע איבערלעבונגען פון זיינע נאָכפאָלגער. טבריה האט אויך געהאַט בעזונדערע עמיגראַציעס פון די חסידים פון פוילען, וואס א ספּעציעלע בעוועגונג פאַר זיי איז אָנגעגאַנגען אין די אַלטע יודישע קהלות פון שטעדט, וואס זענען יעצט טשעכאָסלאָוואַקיי. צוויי נעמען פון יענער צייט זענען געבליבען פערהייליגט אין טבריה — ר' יהודה החסיד און חיים מלאך. נאָך א נאָמען — פון אַ יוד פון טערקיי: ר' חיים אבואלעפּייע. ער האט אויפגעבויט אין טבריה גאַנצע געסלעך מיט הייזער און קלייטען. זיי זענען טיילווייז צושטערט געוואָרען פון אַ קאַטאַסטראָפע ווי די יעצטיגע, א פלוצלינגער אָנפאַל פון וואַסער און טיילווייז פון אַראַבער. שפּעטער, שוין ביים סוף פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט איז קיין טבריה אָנגעקומען די אימיגראַציע פון חסידים, אָנהענגער פון בעל-שם-טוב. אויך יענע עמיגראַציע האט געהאַט אין זיך אויסלייזונגס-טרוימען פאַר אַלע יודען און אַלץ, וואס מ'האט דאַן אויפגעטהון אין טבריה איז שפּעטער געוואָרען חרוב. אינטערעסאַנט דערביי איז, וואס אַ יעצטיגע קבוצה פון סאָציאַליסטישע חלוצים נישט ווייט פון טבריה, די קבוצה „בית אלפא", איז אויך מייסטענס פון אייניקלעך פון חסידים, וועלכע זענען געווען גרויסע פערעהרער פונ'ם בעל-שם-טוב. אַזוי געהט דאס דור נאָך דור מיט טבריה און אייגענטליך מיט גאַנץ ארץ-ישראל; נייע דורות מיט נייע אידעאַלען נעמען איבער דאס, וואס עס לאָזט זיך אויס מיט דורות און מיט אידעאַלען פון פריהער.

גלייך נעבען טבריה זענען פערהאַן צוויי פלעצער, צו וועלכע בעזוכער אין א"י געהען קוקען מיט א בעזונדערען אינטערעס.

איין אָרט איז אויף א קליינעם פערצוימטען בית-עלמין און ס'ווערט אנגעגעבען אַלס דער קבר פון רמב"ם. עס איז אפילו נישט בעשטעטיגט געוואָרען, מען ווייסט איבערהויפּט נישט וואו דעם רמב"ם'ס קבר איז. עס איז א סברא, אַז ער איז גאַר געשטאָרבען אין עגיפּטען, וואו ער האט אַ לאַנגע צייט געלעבט. אָבער טבריה'ר יודען פון א סך דורות ווילען דוקא האבען, אַז דעם רמב"ם'ס קבר איז דער, אויף וועלכען זיי ווייזען אָן. אין יאָהר 1925, ווען ס'האט זיך געעפענט דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, איז צו דער ערעפנונג אויך געפאָהרען פּראָפעסאָר באוער פון שפּאַניע; ער איז שוין צוגעפאָהרען קיין טבריה אַ קוק צו טהון אויפ'ן קבר פון רמב"ם ער האט נאָכדעם געזאַמעלט געלד ביי יודען, וועלכע שטאַמען פון שפּאַניע, צו שטעלען אַ נייע מצבה אויפ'ן קבר; ער האט געוואָלט, אַז נאָר שפּאַנישע יודען זאָלען דערצו ביישטייערן; איז דאָך דער רמב"ם געבוירען געוואָרען אין שפּאַניע; פּראָפעסאָר באוער—אגב, דער איינציגער יוד אין זיין פאַמיליע, אַלע זיינע ברידער און שוועסטער, אויך זיינע עלטערן האבען זיך געשמד'ט — איז געווען ערפאָלגרייך מיט זיין בעוועגונג; אויפ'ן רמב"ם'ס קבר שטעהט איצט אַ נייע מצבה.

אַ צווייט אָרט איז אַ הייל מיט א קבר איינגעווייניג און א ישיבה אין דרויסען — דער קבר פון ר' מאיר בעל הנס. ווער איז ער געווען דער ר' מאיר בעל הנס? די יודישע געשיכטע ווייסט פון איהם נישט. נאָר א לעגענדע איז געבליבען אויף זיין נאָמען, ווי ער איז געווען אַרעסטירט פון רוימער און ווי ער האט זיך בעפרייט. וואס אָבער איז ער געווען? וואס האט ער פאָרגעשטעלט? אַ מזל פון א נאָמען! אַן'אומבעקאַנטער נאָמען איז אַריין אין פרומען יודישען לעבען, און אויף דער גאַנצער וועלט קלינגט א ר' מאיר בעל הנס פּושקע.

מיט'ן ים כנרת אין זעלבען געגענד איז פערבינדען א נייע האָפנונג פאַר פאַלעסטינאַ. פנחס רוטענבערג וועלכער האט אַזוי צומייסטערוועט דעם ירדן, אַז ער גיט עלעקטרישע קראַפט פאַר די וויסטעסטע טיילען פון לאַנד, האט אינזשיניערישע פּלענער אויפצוהויבען דעם ים כנרת העכער און צו קריגען פון איהם קראַפט פאַר א נייעם סיסטעם פון בעוואַסערונג פאַר גרויסע טיילען פון לאַנד. יאָ א קאַטאַסטראָפע, נישט א קאַטאַסטראָפע, צי אַן'אומגליק פון דער נאַטור, צי פון מענשען, טבריה ווי גאַנץ פאַלעסטינאַ ענדיגט זיך נישט. נייע חלומות, נייע כוחות, לאָזען איהר נישט אויסגעהן. אַ כישוף אין לאַנד און א כישוף אין די יודען.




איז דער לעצטער דער איינציגער בעל הבית, וועלכען מען מוז איינצאַהלען דעם אָבצאָהל, כדי אין פאַל, ווען עס וועט זיך קאַליע מאַכען דער אַספאַלט, זאָל מען האבען געלד איהם צו פערריכטען.

פערגאַנגענעם פרייטאָג האט אַ קליינהענדלער, וועלכער וואוינט אין דער ערשטער אַלעע אַהיימגעפיהרט דאס ביסעל סחורה. דער ספּעציעלער מאַגיסטראַט-אַנגעשטעלטער (דאַנקען גאָט, אַז עס האבען זיך געשאַפען אַביסעל פּאָסטענס פאַר נייע אַרבייטסלאָזע) האט איהם דאס נישט דערלויבט, האט דער סוחר אויסגעשפּאַנט דאס פערד און מענשען האבען אַריינגעשלעפּט דאס וועגעלע אין הויף אַריין. דער בעאַמטער איז אָבער נישט געבליבען צופרידען דערפון און האט געברענגט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דער קליינהענדלער איז דאַן אַוועק אין מאַגיסטראַט, אויסגעקויפט א ניי מין פּאַטענטעל און פערטיג—ער מעג שוין פיהרען זיין ביסעל סחורה דורך דער אַלעע.

ווי איהר זעהט, קאָן מען פאַר אַ פּאָר זלאָטשאַקעס בעקומען אַן'ערלויבניש אויף צו פאָהרען אויפ'ן אַספאַלט, נאָר אַ נייע גזירה איז עס פאָרט.

## מען פייערט און מען באַנקעטעוועט.

נאָך דער שווערער וואַהל-אַרבייט רוהט מען זיך אָב און אַ דאַנק די נצחונות פייערט מען און מען באַנקעטעוועט.

אַזוי פייערען און באַנקעטעווען די 11-ער, וועלכע האָבען אָבגעהאַלטען אַ נישט-ערוואַרטעטען נצחון, און אויך די יודעגשטאַטס-פּאַרטיי, וועלכע האָבען געכאַפּט אונערוואַרטעט אַ ראַטמאַן. פייערען זיי און האָבען אויך איינגעאָרדענט אַ באַנקעט.

דעם שבת איז אויך געפייערט געוואָרען די 125-יעהריגע יאָהרצייט פון דעם פּוילישען פּאַטריאָט און העלד, דעם יודען בערעק יאָסעלעוויטש.

האָט מען אין דער נייער שוהל איינגעאָרדענט אַ הזכרה, וואו ה' פּישעל האָט געמאַכט אַ הזכרה און עס איז געהאַלטען געוואָרען אַ רעדע וועגען לעבען און העלדענטהאַטען פון בערעק יאָסעלעוויטש.

אגב ביי דער געלעגענהייט איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף פאָלגענדען. כ'ווייס, אפשר שמעקט דאָס מיט רעפאָרמאַציע, נאָר פון ווען אָן איז דאָס איינגעפיהרט, אַז ווען מען מאכט אַן'אל מלא רחמים, זאָל מען דאָס זעלבע איבערחזר'ן אויף פּויליש. פאַר אַ יודען, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין שטיבעל אָדער בית המדרש, מאכט דאָס אַ שרעקליכען איינדרוק, נאָר נישט דאָס בין איך אויסען...

אויפדערנאַכט איז פאָרגעקומען אַן'אַקאַדעמיע, וואו מען האָט גערעדט, דעקלאַמירט, געשפּילט א. א. וו. דער עיקר — צום סוף איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ באַנקעט אין... „סאַוואָי".

שפּעט אין דער נאַכט האבען די פערשפּעטיגטע שפּאַצירער געקאָנט בעמערקען, ווי פון בעהמ'ס רעסטאָראַן זענען אַהיימגעגאַנגען די „יודענשטאַטלער" אין זייערע פערבעטענע געסט, פון מזרחי - לאָקאַל — ציוניסטען און „מזרחי" און זייערע פערבעטענע געסט —די סוחרים און פון „סאַוואָי"—די נאָכפאָלגער פון בערעק יאָסעלעוויטש.

אַלע האבען געפייערט און געבאַנקעטעוועט.

## 15 יאָהר ווייבערישע מלוכה...

דאס האבען זיך נאָר די מענער איינגערעדט, אַז זיי זענען די איינציגע בעשטימט פון דער השגחה צו הערשען און אָנצופיהרען מיט דער וועלט און אַז די פרויען זענען פון שוואַכערען מין, וועלכע דאַרפען בעהערשט ווערען דורכ'ן שטאַרקען מין — דורך די מענער.

אַז דאס איז טאַקי נאָר אַן'איינגערעדעניש — פרויען-פעראיין „עזרה" יוכיח. אָט עקזיסטירט שוין 15 יאָהר אין אונזער שטאָדט אַ פרויען-פעראיין „עזרה", וואס ווערט אָנגעפיהרט פון סאַמע פרויען און פונדעסטוועגען ווערט געפיהרט אַ טעטיגקייט, ווער מיר אַ שטיקעלע גוטס גינט.

היינטיגע וואָך איז פאָרגעקומען די 15-טע יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער איבענדערמאַנטער געזעלשאַפט, אָהן שום מיטהילף פון די מענער און פונדעסטוועגען — זיי האבען אפילו געוואָלט מאַכען אַ 15-יעהריגען יובילעאום, נאָר היות ווי פרויען זענען פּראַקטיש (דאָרט געהערען אַלץ שוין פרויען אין די מיטעלע יאָהרען) האבען זיי איינגעזעהען אַז קיין פּראַקטישען נוצען וועלען זיי פון דעם יובל נישט האבען, אגב וואָלט מען זיך גלאַט דערוואוסט, אַז די אַלע פרויען זענען דורך דער צייט עלטער געוואָרען מיט 15 יאָהר... האבען זיי בעסער פון דעם רעזיגנירט.

די טעטיגקייט אָבער און איבערהויפּט די פערזאַמלונגען ווערען געפיהרט פּאַרלאַמענטאַריש, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין.

איך אַליין געה שוין די לעצטע 9 יאָהר אויף זייערע אַלגעמיינע פערזאַמלונגען און מוז אנערקענען, אַז אין פערגלייך מיט אַנדערע פערזאַמלונגען פון עהנליכע אַזעלכע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען שטעהט די „עזרה" אויף אַ געהעריגער הויך.

יאָ, מענער, איהר דאַרפט נישט זיין די קנאַקער. אויך פרויען קאָנען אָנפיהרען מיט געזעלשאַפטליכער אַרבייט, דעם בעסטען ביישפּיעל האט איהר אין דער „עזרה", וועלכע האט צו פערצייכענען אַ 15-יעהריגע ווייבערישע מלוכה.

## עס איז א חידוש נפלא.

מיט עטליכע וואָכען צוריק האט די טשענסטאָכאָווער „געזעלשאַפט פריינד פון דער נאַטור" פערעפענטליכט אַ קאָנקורס אויף דעקאָראַציעס פון באַלקאָנען און שוי-פענסטער און עס זענען בעשטימט געוואָרען 10 פּריזען פאַר די שענסטע דעקאָראַציעס.

ווי די צייטונגען גיבען איבער האט זיך סך-הכל געמאָלדען איין-איינציגער קאַנדידאַט, אַזוי, אַז דער קאָנקורס וועט וואהרשיינליך נישט פאָרקומען.

אייגענטליך, וואס איז דאָ געשעהן, פאַרוואָס האבען מענשען זיך אָבגעזאָגט פון אַ פערדינסטעל? קומט צו געהן דער פעטער יעקב יודל און זאגט אַזוי:

די איניציאַטאָרען פון קאָנקורס האבען זיך איננאַנצען געוואָנדען אויף א פאַלשער אַדרעס. היינט איז נישט קיין מאָדע צו דעקאָרירען באַלקאָנען, דערויף זענען נישט פערהאַן קיין בעלנים. ווען אָט די געזעלשאַפט וועגדעט זיך בעסער צו אונזערע כלל-טהוער, בענקעל-כאַפּער און כבודים-זוכער, אַז ווער פון זיי וועט זיך גופא בעסער דעקאָרירען, וועט בעקומען א פּריז, וואָלט די דאָזיגע אינסטיטוציע זיכער געהאט ערפאָלג, ווארום ווער נאָך ווי אונזערע ראשים קענען זיך דעקאָרירען מיט פּלאַטפאָרמען און גוזמא'דיגע צוזאָגעכצען, איבערהויפּט ביי וואַהלען...

פאַרוואס די איניציאַטאָרען האבען זיך גלייך נישט געווענדעט אויף דער ריכטיגער אַדרעס, איז טאַקי אַ חידוש נפלא...

לויתן.

# פראפאגאנדע = וואך פאר טוריסטיק און לאנדקענטניש.

אין צוזאמענהאנג מיט דער פראפאגאנדע-וואך, וואס ווערט ארגאניזירט דורך דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטניש אין פוילען אין די טעג פון 10—1 יוני, איז כדאי זיך אבצושטעלען אויף די וויכטיגע פונקציעס, וועלכע די דאזיגע געזעלשאפט פולט אויס אין יודישען לעבען.

עס איז שוין פאראיבער די צייט, ווען טוריסטיק איז געווען א לוקסוס-זאך פאר יחידים, וואס פלעגען זי פראווען אין האטעלען און אויטאמאבילען. איצט געהט די טוריסטיק צו-פוס. אלץ ברייטערע קרייזען ווערען אריינגעצויגען אין דער דאזיגער בעוועגונג, וואס האט פאר זיך וויכטיגע ציעלען און שטעהט פאר זעהר ערנסטע אויפגאבען. שוין יאהרען ווי אויף אלע וועגען און שטעגען אין פוילען ראיעט פון אונזערע היימישע טוריסטען. יונג און אלט, פרויען און קינדער ווערען בעהערשט פון דער דאזיגער איידעלער און נוצליכער ליידענשאפט. עס איז איבריג צו זאגען וואס פאר א ריכטיגער ביי־טראג דער דאזיגער ארט ספארט איז פאר דער פיזישער רעגענעראציע פון דעם יודישען פאלק.

עס איז אהן ספק דער פערדינסט פון דער געזעלשאפט פאר לאנדקענטניש, וואס זי רייסט ארויס פון צווישען די ענגע מויערען, דושנע ווארשטאטען, ביורעס און געוועלבלעך וואס אמאל אלץ מעהר דעם יודישען ארבייטער, פאלקס-מענש און אינטעליגענט און פיהרט זיי אין דער צייט אויפ'ן לאנד, צו די בערג און ים, וואו זיי ווערען אויפגעפרישט, געשטארקט און ערמוטיגט אין דעם שווערען לעבענס-קאמף. חוץ מזה ווערט די דאזיגע ארט טוריסטיק אין דעם שטאדטישען מענשען, און מיר זענען דאך איבערהויפט א שטאדטישער עלעמענט, דאס געפיהל פאר דער נאטור און עסטעטיק איבערהויפט. אין דער דאזיגער הינזיכט בעקומט די ארבייט פון דער געזעלשאפט פאר לאנדקענטניש א ספעציעלע בעדייטונג.

דערמיט אבער שעפט זיך נישט אויס די ארבייט פון דער דאזיגער קולטורעלער אינסטיטוציע. זי האט די אספיראציע צו ברענגען נוצען אויך אויף אנדערע געביטען. מיר לעבען אין א צייט, ווען עס ווערט געלעגט גרויס אכט און געוויכט אויפ'ן אלזייטיגען בעקענען זיך פון יעדען יחיד מיט דער סביבה אין וועלכער ער לעבט און איז מיט איהר צונויפגעבונדען. עס איז א נויטווענדיגקייט נישט בלויז פון פסיכאלאגישען און פאליטישען שטאנדפונקט, נאר אויך ביי דער היינטיגער מאדיפיצירונג פון אלע פרנסה-צווייגען, א ריין - ווירטשאפטליכע בעדערפניש. די געזעלשאפט פאר לאנדקענטניש, פיהרענדיג דעם יודישען טוריסטען-עולם אויפ'ן לאנד, בעמיהט זיך ביי דער געלעגענהייט צו בעקענען איהרע וואנדערער מיט דער היימישער אינדוסטריע, טעכניק און לאנדווירטשאפט.

איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון דער דאזיגער געזעלשאפט איז צו בעקענען די מיטגלידער מיט יודישע אביעקטען, זעהענסווירדיגקייטען פון פערשידענע געביטען פון פאלקס-שאפונג, אלץ וואס האט א ווערט פאר דער געשיכטע פון דער פערגעהענדער יודישער קולטור, ווערט זארגפעלטיג געזאמעלט און בעשיצט. דאס מאדערנע ווידער ווערט געווירקט פון ווייטערער שאפונג און ענטוויקלונג. דא דארפען ווערען פערצייכענט די מאנאגראפיעס פון שטעדט און ישובים, וואס די געזעלשאפט האט פערעפענטליכט אין איהרע אויסגאבען און האט אויך בדעה להבא צו פערעפענטליכען.

די געזעלשאפט פאר לאנדקענטניש, וועלכע טרעט אריין אין אכטען יאהר פון איהר עקזיסטענץ, פערמאגט היינט צו טאג אייניגע צעהנדליג אבטיילונגען אין די וויכטיגסטע פונקטען פון לאנד מיט א בעשטאנד פון א פאר טויזענד מיטגלידער. ביז יעצט זענען ענטשטאנען געשולטע קאדרען פון יודישע וועג-ווייזער, וואגלער און געניטע פאכלייט אויף אלע געביטען פון טוריסטיק. די געזעלשאפט האט הינטער זיך א רייהע אויסשטעלונגען און קאלאניעס, קורסען און פאטאגראפישע זאמלונגען און דאס וויכטיגסטע: זי האט בעוויזען פאפולער צו מאכען די אידעע פון טוריסטיק און לאנדקענטשאפט צווישען די ברייטסטע יודישע קרייזען, אזוי, דאס היינט צו טאג איז נישטא קיין יודישער פעראיין און געזעלשאפט, וואס זאל נישט פיהרען אויך אנ'ארבייט אויפ'ן געביט פון טוריסטיק.

ליידער האט דער אלגעמיינער קריזיס אויך נישט אויסגעמיטען די דאזיגע בעדייטענד וויכטיגע אינסטיטוציע. אין א טייל אבטיילונגען איז צוליעב דער פעראָרימטקייט פון די מיטגלידער אריינגעטרעטען א שטילשטאנד. געוויסע צווייגען ארבייט מוזען ווערען אפגעלעגט אדער רעדוצירט. די הויפט-פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט פאר לאנדקענטניש האט דעריבער בעשלאסען צו ארגאניזירען א פראפאגאנדע-וואך בכדי צו ערמוטיגען די יודישע געזעלשאפט אקטיוו זיך צו בעטייליגען אין דער דאזיגער בעוועגונג.

די געזעלשאפט האפט, דאס דער יודישער עולם וועט אויסנוצען אלערליי עפענטליכע אימפרעזעס, ווי אקאדעמיעס, מוסטער-אויספלוגען און רעפעראטען, וואס וועלען אין דער דאזיגער וואך צושטאנד-קומען און וועט אויך שטיצען די ווערבירונגס-אקציע פון נייע מיטגלידער.

---

# התחלת הספר „התורה והמדרש".

דאנערשטאג י"ז סיון האט דאס יודישע טשענסטאכאוו געפייערט אנ'התחלה פון א שטאדטישע ספר-תורה.

די סיבה, וואס האט געבראכט צום שרייבען די ספר-תורה איז א היסטארישע.

אין היינטיגען יאהר תרצ"ד פאלט אויס דער 100-יעהריגער יובל זייט די היגע קהלה האט אויפגעבויט דאס ערשטע מקום-תורה—דאס בית-המדרש.

במתי מעט — א דאנק א קליינער צאהל יודען, וועלכע האבען נישט געזשאלעוועט קיין מיה, אנשטרענגונג און געלד, איז דער ערשטער היגער יודישער קהלה געלונגען צו שאפען א שוהל, בית-הקברות, מקוה, הקדש, ראבינאט, שוחטים און אנדערע כלי-קודש. פון די אלטע פנקסים, וועלכע געפונען זיך לזכר-עולם, זעהען מיר, וואסערע גרויסע נדבות די דאמאלסדיגע היגע בעלי-בתים האבען צו דעם צוועק געשאנקען, טראצדעם אבער האבען זיי זייערע לעצטע כחות אוועקגעגעבען און אויפגעבויט אביסעל שפעטער א מקום תורה, וועלכעס מיר זעהען נאך ביים היינטיגען טאג—דאס שטאדטישע בית-המדרש.

בכדי ארויסצוווייזען אונזער אכטונג צום ערשטען היגען דור יודען, וועלכע האבען פאר אונז געזארגט און מזכה געווען מיט א מקום תורה, מיט וועלכען מיר בענוצען זיך נאך יעצט, איז ביים היגען רב שליט"א ענטשטאנען א געדאנק צו שרייבען א שטאדטישע ספר תורה, אין וועלכער אלע טשענסטאכאווער יודען פון יעצטיגען דור, מענער, פרויען און קינדער, זאלען האבען א חלק.

אזוי אבער ווי דער 100-יעהריגער בנין איז נישט אימשטאנד צו ערפולען די הצטרכות פון א מקום-תורה פאר דעם יעצטיגען גרויסען טשענסטאכאוו, איז דורכ'ן רב שליט"א געגרינדעט געווארען א קאמיטעט פון אנגעזעהענע בעלי-בתים, צווישען וועלכע עס געפינען זיך מענשען פון אלע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג; זייער אויפגאבע איז צו בעמיהען זיך, אז דאס שטאדטישע בית המדרש זאל פערגרעסערט און פערשענערט ווערען אזוי ווי עס פאסט פאר אזא קהלה, ווי אונזערע, בכדי דער קול-התורה, וואס הערט זיך שוין נישט דארט זייט עטליכע יאהר, זאל צוריק בענייט ווערען. די הכנסה פון ספר - תורה איז בעשטימט געווארען פאר'ן בוי פון בית-המדרש.

אויף א זיצונג פון רב און ביד"צ איז בעשלאסען געווארען, אז די שטאדטישע ספר-תורה בעקומט דעם נאמען „התורה והמדרש" — דאס זאל בעדייטען, אז די ספר-תורה ווערט געשריבען לכבוד דעם בית-המדרש.

* * *

די התחלת הספר איז בעשטימט געווען פערג. דאנערשטאג, 5 א זייגער נאכמיטאג. גלייך ביים אנקומען אין דער שוהל-גאס האט זיך געמערקט, אז עפעס יום-טוב'דיגעס קומט דארט פאר, א גרויסער עולם יודען, מענער און פרויען, האבען געשטורמט צו דער שוהל, וואו עטליכע צעהנדליגע ברית-החייל'ניקעס אין זייערע מונדירען האבען געהאלטען ארדנונג.

די שוהל איז געווען שעהן דעקארירט מיט פערשידענע אויפשריפטען, וועלכע האבען ענטהאלטען פסוקים, וואס האבען א שייכות מיט'ן שרייבען פון דער תורה.

אויפ'ן עמוד ביים ארון קודש איז געלעגען אויסגעשפרייט א פרוכת, וואס איז מיט הונדערט יאהר צוריק, אין דער צייט פון בויען דעם בית-המדרש, געשענקט געווארען פון האשה רדל גינסבערג, א שוועסטער פון די דאמאלסדיגע ראשי-הקהלה יעקב און גרשון לאנדא. אין פערשידענע ערטער אין דער שוהל זענען געזעסען ביי ספעציעלע טישלעך די אנגעזעהענסטע היגע יודישע אייגוואוינער, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען דיינים, שוחטים, שוהל-גבאים, חסידים און בעלי-בתים און האבען פערקויפט פסוקים, ווערטער אדער אותיות פון דער שטאדטישער ספר-תורח „התורה והמדרש". אלע האט ארומגענומען א שמחה און בעגייסטערונג צוליב דער דאזיגער פייערונג.

אנגעהויבען האט זיך די פייערונג מיט דער תפלה „מה טובו", וואס איז געזונגען געווארען דורכ'ן חזן באדאש אין בעגלייטונג פון שוהל-כאר און דערויף האבען די גבאים זילבערשטיין און אלטמאן איינגעלייטעט די פייערונג.

דער רב האט דאן אין א זעהר געלונגענער דרשה גרונדליך ערקלערט די בעדייטונג פון דעם היינטיגען יום-טוב און וואס ס'האט בעוואויגען יעצט צו שרייבען א שטאדטישע ספר-תורה. פיעל וועלען זיך פרעגען — זאגט דער געעהרטער רב — וואס פאר א שייכות ס'האט דאס שרייבען א ספר-תורה צום בוי פון א בית-מדרש. עס האט דווקא א גרויס שייכות: דאס בית-המדרש, אין וועלכען עס איז הונדערט יאהר געלערנט געווארען די תורה — תורה שבכתב און תורה שבבעל-פה — געפינט זיך אין א געפאהר און נויטיגט זיך אין א נייעם בנין. זאל דעריבער די תורה גופא — די ספר-תורה — יעצט קומען און צוריק אבדינען דעם בית המדרש, וואס האט זיינע גאנצע כחות אבגעגעבען דער תורה און פאר איהרע אותיות זאל דאס נייע בית-המדרש צוריק אויפגעבויט ווערען.

נאכדעם ווי דער חשוב'ער רב האט געענדיגט די דרשה, האט דער עהרען-פרעזעס פון קאמיטעט ה' ליב סויקא געהאט פתיחת הארון און דער חזן האט געמאכט א „מלא" דעם פערשטארבענעם „וועד של בנין בית-המדרש פון תק"צד". די אזכרה, וועלכע איז אויסגעפאלען זעהר ריהרענד, האט אויף אלע אנוועזזענדע געמאכט א גרויסען רושם, איבערצייגענדיג זיך, אז די עוסקי בצרכי הצבור באמונה ווערען קיינמאל נישט פערגעסען.

נאך דער אזכרה איז ערקלערט געווארען אנ'הפסקה אויף א האלבע שעה

---

# „טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"

## (פערפאלען, אזוי וויל דער גורל).

### קליינער פעליעטאן.

זייענדיג אויף דער פארשטעלונג פון די קינדער פון פרל. וויינשטאק'ס שולע, האב איך געהערט א ליעדעל, וואס איז מיר אריינגעקראכען אין דער נשמה מיט זיין הארציגער מעלאדיע און נאך מעהר מיט זיין טיעפער בעדייטונג.

די זאך האנדעלט זיך אין פאלגענדען:

אין וואלד פליסט א קוואל פון פריש מחיה'דיג וואסער, דאס קוועליכעל איז די קעניגין פון וואלד. געשעהט אבער א מעשה, אז דעם קוואל האט זיך פערבענקט נאך דער גרויסער וועלט, נאך דער מענשהייט, וועמען ער וויל אנטרינקען מיט פריש, קאלט וואסער און בעת ער בעגעגענט א מענש, געהט ער איהם נאך און פון דעם קוואל ווערט א טייך.

די וואלד-ברואים, וועלכע האבען שטאלצירט מיט זייער קוואל, בלייבען ענטוישט און מיט רעזיגנאציע זינגען זיי דאס ליעדעל „טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"—פערפאלען, אזוי וויל דער גורל. איבערהויפט האט די קליינע וועקשטיין געזינגען אזוי הארציג, אז עס האט געריהרט ביים הארץ.

זיצענדיג אויף דער פארשטעלונג און הערענדיג דאס ליעדעל, האט זיך מיר פארגעשטעלט, אז דאס גאנצע לעבען, איבערהויפט אונזער יודיש לעבען, איז איינגעהילט אין דער אטמאספערע פון דעם ליעדעל: פערפאלען, אזוי וויל דער גורל.

געווען א פאלק, א גרויס שטארק פאלק מיט א גרויסער, רייכער קולטור און בעת די גאנצע וועלט איז נאך געזינקען אין מ"ט שערי טומאה פון פינסטערניש און געצענדינעריי, האט שוין דאס יודישע פאלק געלויכטען מיט זיינע שטורם-בליצען און געטראגען ליכט פאר דער וועלט. אט דאס אלטע קולטור-פאלק איז דאס איינציגע, וואס ליגט ביי אלע פעלקער געבינדען אין קייטען און איז דער שעיר לעזאזל, אין וועלכען אלע פיילען ווערען געציעלט. און ווען א בלוטיגער טיראן וויל קומען צו דער מאכט, דערגרייכט ער עס נאר דורך זיין רשעות צו יודען. קאן מען דאך שטעלען די פראגע: פארוואס קומט דאס אזוי? וואו איז יושר, גערעכטיגקייט? קומט דער הארטער, קאלטער ענטפער: „טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"—פערפאלען, אזוי וויל דער גורל.

אין אונזער אלטען היימלאנד, דארט, וואו דאס קוועליכעל איז געבוירען און האט זיין שענסטע יוגענד פערבראכט, פון וואנען מען האט עס מיט געוואלד ארויסגעריסען און עס וויל איצט צוריקפליסען אויף זיין אלט ארט, וואו די השגחה האט איהם בעשטימט, האבען מיר אויך גרויסע שטערונגען. עס קומען די ענגלענדער פון איין זייט און די אראבער פון דער צווייטער זייט און לאזען עס נישט, זיי פערשטאפען מיט שטיינער די שטעגען און וועגען און לאזען נישט דעם קוואל צוריק צו זיין ארט.

עס איז דאך הימעלשרייענד, עס איז דאך אזוי נאטירליך, אז דער קוואל ישראל זאל צוריקקומען אויף זיין ארט, פון וואנען מען האט איהם מיט קנאפע 2 טויזענד יאהר צוריק פערטריבען און דאך העלפען נישט קיין פראטעסטען, קיין קולות, מען לאזט נישט, מען שטערט אויף שריט און טריט, צי וועט מען אויך דא געבען דעם ענטפער: „טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע" — אזוי וויל דער גורל?...

אין דער גאנצער וועלט, וואו יודען געפינען זיך נאר, געהן די „מזרחי" צוזאמען מיט די רעוויזיאניסטען, וועמענס אידעאלאגיע און טאקטיק טרעפען זיך צוזאמען. אנ'אויסנאהם פון גאנץ פוילען און אויך פון דער גאנצער וועלט איז נאר אונזער שטאדט טשענסטאכאוו. וואו „מזרחי" געהט גאר מיט'ן „על המשמר" און איז ברוגז מיט די רעוויזיאניסטען. שטעלט דאך יעדער א פראגע: היתכן? צי איז טאקי די פערזענליכע בענקעל - פראגע פון דער קהלה שטארקער פון דער אידעאלאגיע פון דער פארטיי, אין וועמענס נאמען מען פרעדיגט און אין וועמענס נאמען מען כאפט שטימען און פונדעסטוועגען?... איז דער תירוץ: „טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"...

די היטלער-קאמיטעטען פון אלע לענדער און פון אלע שטעדט פיהרען א טעטיגקייט, מאכען אויפקלערונגס-פערזאמלונגען, פראפאגירען דעם באיקאט, שטעלען צום שאנד - סלופ די באיקאט-ברעכער. דער טשענסטאכאווער אנטי-היטלער קאמיטעט ווייסט אויך גאנץ גוט, ווער עס ברעכט דעם באיקאט—מענשען, וואס זענען זיי גוט בעקאנט און נאהנט און פונדעסטוועגען איז שא שטיל, רעדט מען נישט קיין ווארט. פערקעהרט, מען איז זיי נאך מכבד מיט כיבודים, קאן דאך קומען עמיצער פרעגען, וואס פאר א גוט יאהר איז אויף אייך, צי זענט איהר פעראנטווארטליכע מענשען מיט א געזעלשאפטליכען סטאזש, אדער כ'וויס? נאר שא, פרעג נישט קיין קשיות, אזוי זעהען מיר אין טשענסטאכאוו אויס, עס איז: „טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"...

די 10-לעך קאנען זיך גארנישט שענקען, פארוואס זיי, וועלכע האבען בעקומען מעהר שטימען, ווי די 11-ער האבען נאר 3 מאנדאטען, אין דער צייט, ווען די 11-ער מיט וועניגער שטימען האבען 5 מאנדאטען. איז ווידער די אייגענע מעשה: אז דא העלפט נישט קיין לאגיק, מעהר שטימען, וועניגער שטימען. מאנדאטען ווער עס האט מעהר, דער האט געזיעגט. פרעגט מען דאך: וואו איז יושר, אז די, וואס בעקומען מעהר שטימען האבען ווייניגער און די, וואס האבען ווייניגער שטימען, האבען מעהר מאנדאטען? איז דער ענטפער: טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"..

ס'וועט קיינעם נישט איינפאלען צו טראכטען, אז קריסטען וועלען געבען זייערע אנאנסען אדער נעקראלאגען אין א יודישער צייטונג, דערפאר אבער טרעפט זעלטען, אז א יוד, וועלכער האלט זיך כלומרשט פאר א אינטעליגענט, זאל לעזען אדער געבען א נעקראלאג אין א יודישער צייטונג. וועט מען דאך קומען אויסשטאכען די אויגען, ווי האט איהר נישט קיין שאנדע אונטערצושטיצען דווקא אזא צייטונג, וועלכע איז אייך א דם שונא און וויל אייך נאר אומברענגען. ס'וועלען אבער נישט העלפען קיין טענות און איבערצייגונגען, אזוי זענען מיר יודען שוין. אונזער גורל איז שוין אזוי צו ליפען דארט, וואו מען האט אונז פיינט.

„טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע"...

מענשען, וועלכע בעגעהן אין זייער לעבען גרויסע שוויינערייען סיי אויפ'ן פריוואטען, סיי אויפ'ן געזעלשאפטליכען געביעט, און אלע ווייסען דערפון, און ביי זיך איז יעדער מסכים, אז דער און דער איז א ברודנע בריאה, פונדעסטוועגען וועט עפענטליך קיינער וועגען דעם נישט רעדען. און ווען עס קומען אן שטאדט ראט-וואהלען אדער אנדערע וואהלען וועט מען דעם דאזיגען נפש ארויסשטעלען אויף דער ליסטע און מען וועט פאר איהם אגיטירען און מען וועט אויסרעכענען זיינע גוטע מעלות.

פערהאנען ווידער מענשען, וועלכע ארבייטען ערליך, געטריי לויט זייערע איבערצייגונגען, און טאמער האט עמיצער פון זיי אין זייער לעבען געטהון א קליין קוים בעמערקבאר עבירה'לע מ'שטיינסגעזאגט, כאפט מען עס אויף און מען צוטראגט עס אויף טעלערליך און ווער עס האט נאר א האנד און א פיס, וואשט זיך אויס דאס מויל מיט איהם, און די פאנטאזיע צושפילט זיך און מען ווארפט איהם פאר חטאים אשר לא ידעו אבותינו, און מען סטעמפעלט איהם אב אלס דעם גרעסטען בעל עבירה'ניק לעולם ועד.

קאן דאך קומען עמיצער און שרייען בכל כחו: געוואלד, מענשען, וואס טהוט זיך מיט אייך, פארוואס פערשרייט איהר א מענש, וועלכער האט אמאל צוליעב טויזענדער סיבות בעגאנגען א חטא ווי א שפילקע-קעפיל, אינדערצייט ווען איהר לויבט און ריהמט און טאנצט ארום יענעם, ווי ביים עגל הזהב, ווען יענער איז טרפה ווי חזיר.

שריי היינט, שריי מארגען, מאהן ביי דער וועלט יושר, עס וועט דיר סיי-ווי גארנישט העלפען.

טרודנא, טאקיע פושעזנאטשעניע" — פערפאלען, אזוי וויל דער גורל.

סמאל

Mydło Bebe Szofmana - [illegible] פאר קינדער און דערוואקסענע

בכדי צו געבען די פערזאַמעלטע די מעגליכקייט צו קויפען אותיות.

שעהן און אינטערעסאַנט האט אויסגעזעהען דאס קויפען די אותיות. די ערשטע נדבה איז געווען פון רב שליט"א, וועלער האט געשפענדעט צוויי חלקים פון די חומשי תורה, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואס היי-יאהר פאלט אויך אויס דער 40-יעהריגער יובל זייט דער חשוב'ער רב פערנעמט דעם היגען כסא הרבנות. דאַן איז געווען די גרעסטע נדבה פון פאַרזיצענדען פון בוי-קאַמיטעט ה' הענריק שפאַלטען, וועלכער האט געקויפט פסוקים פאר זיך און פאמיליע און געגעבען גרעסערע סומען.

דער קהלה-פרעזעס ה' יעקב ראָזענבערג האט געקויפט זיין נאָמען „יעקב", בכדי אבער נישט צו מאַכען קיין קנאה שנאה צווישען די פערקויפער, האט ער יעדעס אות געקויפט ביי אַנ'אַנדער טישעל. דער פרעזעס פון ראַט ה' חיים וועקסלער האט געקויפט דעם פסוק: „חיים כלכם היום".

א גרויסע קאָנקורענץ איז געגאַנגען וועגען דעם פסוק: „ויזרע יצחק", איבער וועלכען צוויי היגע גבירים האבען צווישען זיך קאָנקורירט און געבליבען איז ער ביי ה' יצחק ב—ט, וועלכען דער ערשטער האט פאר א שעהנע נדבה לטובת דעם בית-המדרש גוטווילליג אָבגעטרעטען.

די פרויען, וועלכע האבען בייגעוואוינט די פייערונג, האבען זיך אויך אָראַבגעלאָזט פון „עזרת נשים" און זיך גענומען צו זייערע טאַשען. מיט א התלהבות האבען זיי געגעבען האַנדגעלד פאר אותיות אדער פסוקים פון דער שטאָדטישער ספר-תורה.

מעהרערע אלמנות האבען זיך געמאָלדען צום קויף פון פסוקים אויף די נעמען פון זייערע פערשטאָרבענע מענער, בכדי אזוי-אַרום צו פעראייביגען די פערשטאָרבענע.

פיעל עלטערן, וועמען עס זענען אוועקגעריסען געוואָרען יונגערהייט זייערע קינדער, האבען מיט בעגייסטערונג געקויפט פאר זיי ווערטער אדער אותיות, כדי זייערע קינדער זאָלען ווערען איינגעשריבען אין פנקס-הזהב (אין גאָלדענעם בוך) לזכר עולם.

נאָך דער פויזע האט דער חזן אין בעגלייטונג פון מוזיק און כאָר געזינגען עטליכע קאַפּיטלען תהלים; מיט'ן פוילישען הימן און „התקוה" האט זיך די פייערונג געענדיגט.

מעהרערע היגע בעלי-בתים האבען זיך געווענדעט צום קאָמיטעט, פאָרלעגענדיג זייער גרייטקייט אנטיילצונעמען אין א זאַמלונג-אַקציע ביי די היגע יודען, וועלכע האבען נאָך נישט געקויפט קיין אותיות. אזוי אז גלייך אויפ'ן אָרט זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען 15 פּאַרטיעס, וואס וועלען זיך דערמיט פערנעמען.

נאָכדעם ווי דער אותיות-פערקויף וועט פערענדיגט ווערען, וועט דורכ'ן קאָמיטעט ווידער אַרויסגעגעבען ווערען א בראָשור אונטער'ן נאָמען: בית-המדרש — חלק ב', אין וועלכען עס וועלען פערעפענטליכט ווערען לזכרון די נעמען פון אלע, וואס האבען זיך בעטייליגט אין דער געלד-אַקציע לבנין בית המדרש. אין דער בראָשור וועט זיך אויך געפונען א בעזונדערע אָבטיילונג „פנקס הזהב", אין וועלכער עס וועט זיין אַנגעוויזען דער נאָמען און פסוק, וואָרט אדער אות, וואס יעדער האט געקויפט.

עס ליגט דעריבער א חוב אויף יעדען טשענסטאָכאָווער יוד זיך צוצואיילען מיט קויפען אותיות, כדי ער זאָל קענען אריינגעטראָגען ווערען אין „גאָלדענעם בוך און האבען א חלק אין דער ספר-תורה „התורה והמדרש" און אַזוי-אַרום אויך בייטראָגען זיין חלק צום בוי פון נייעם בית-המדרש.


Kino „EDEN"

PRZED MATURĄ

א פילם, וואס אילוסטרירט דעם אָנגעוועהטאָגטען ענין פון מאַטורע-עקזאַמענס אויסגעפיהרט דורך די בעסטע טשעכישע ארטיסטען.

אויסער'ן פראָגראַם: אַקטואַליען.


# זייט ווילקאָמען!

(צום אויפטריט פון „אראראט" אין אונזער שטאָדט).

אין אונזער חושכ'דיג לעבען, אין א צייט, ווען דער פּאַרטיי-קאַמף און אַנטאַגאַניזם זענען א טאָג-טעגליכע ערשיינונג, וואס פרעסט אויף און צופוילט אונזער געזעלשאַפטליך לעבען וועט זיין א דערפרעהענדע בשורה, וואס מיר זאָגען אייך אָן, אז דער „אַראַראַט" קומט צו אונז אַראָב אויף 2 גאַסטראָלען.

„אַראַראַט", ס'איז גענוג בלויז צו דערמאנען דאס וואָרט און מיר זעהען שוין פאר אונזערע אויגען דעם ארי שבחבורה, שמעון דזיגאַן, דעם הערליכען אונפערגלייכליכען מאַנאָלאָגיסט און קינסטלער, ישראל שומאכער דער, וואס ברענגט אַרויס די האַרציגע יודישע נגינה, דעם שלימזל גאָלדשטיין, די טאַנצענדיגע און זינגענדיגע שיינע מרים, פרידה בלומענטאַל, א גרויסער כח אויף דער יודישער ביהנע, איינע פון די זיילען פון דער ווילנער טרופע און ווער געדענקט דאס נישט די האַרציגע ווערטלעך פון דעם איינציגען יודישען קאָנפּעראַנסיע וול. גאַדיק. דאַן די איבריגע כאַליאַסטרע, וואס צוזאַמען איז דאס א צוזאַמענגעשפּילטער סימפּאָנישער אָרקעסטער.

„אַראַראַט", דאס יודישע רעווי און קליינקונסט טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אַנפיהרונג פון משה בראָדערזאָן, איז דאס איינציגע, וואס שטייגט אַרויף אויפ'ן העכסטען שטאַפעל פון קונסט, און זינגענדיג און טאַנצענדיג טהוען זיי זייער עבודה, וואס איז נישט אָבצושאצען.

ס'איז נישט פערהאַן קיין איין שטאָדט אין פוילען, וואו זייערע אויפטריטען זאָלען נישט בעטראַכט ווערען פאר א גרויסען יום-טוב, וואס מאכט פערגעסען אין גרויען טאָג-טעגליכען לעבען און עס הויבט אַרויף דעם מענש אויף א העכערע מדרגה.

זייערע אויפטריטען אין ווארשא, ווי אויך אין אַ גאַנצע רייהע שטעדט אין פוילען זענען געקרוינט געוואָרען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

פרייטאָג און שבת גאַסטראָלירען זיי ביי אונז אין טעאַטער „לונאַ". זאָל אויך דאס טשענסטאָכאָווער טעאַטער-פובליקום זיי אויפנעמען, ווי זיי פערדינען עס.

מיר, פון אונזער זייט, זאָגען דער כאַליאַסטרע אונזער האַרציגען ווילקאָמען.


LOSY I-ej klasy po 10 zł. za ćwiartkę
poleca
SŁYNNA z wielu WIĘKSZYCH WYGRANYCH
KOLEKTURA
ANTONIEGO EGERA, Częstochowa
ALEJA I-sza № 14. Telefon 14-41.
Na prowincję wysyła się zaraz po otrzymaniu wpłaty na P. K. O. № 140.196.

**Szkoła Rzemieśln.-Przemysłowa dla Żydów w Częstochowie**
podaje do wiadomości, iż zapisy dla nowo-wstępujących uczniów rozpoczęły się z dniem **15-go maja** b. r.

**Szkoła Dokształcająca Zawodowa Żeńska**
przy Związku Rzem.-Żydów w Częstochowie
podaje do wiadomości, iż organizuje
**Dwutygodniowy Kurs Dokształcający Czeladniczy**
od 15 czerwca do 1 lipca b. r. dla chcących przystąpić do egzaminu dla eksternistek.
Zapisy przyjmuje kancelarja przy ul. Wilsona 18 od godziny 18-ej do godz. 20-ej.
LICZBA UCZESTNICZEK ŚCIŚLE OGRANICZONA.

PROSZKI «KOWALSKINA»
STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH BÓLACH GŁOWY
KONIECZNIE ZE ZNAKIEM „SERCE W PIERŚCIENIU"
A.K.
FABRYKA CHEM.-FARMAC. „AP. KOWALSKI" WARSZAWA


## פון „פועלי אגודת ישראל",

אויף דער לעצטער פערוואַלטונגס-זיצונג איז בעשלאָסען געוואָרען צו רופען אין דער נאָהנטסטער צייט די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאַמלונג.

די הורקה פון די „כיסי יוסף" פון „קרן הישוב" וועט פארקומען די אַנדערע וואָך.

די ביבליאָטעק איז לעצטענס פיעלפאַך פערגרעסערט געוואָרען מיט נייע ביכער, צווישען וועלכע ס'איז אויך דאָ אַ געוויסער טייל פוילישע ביכער.

די טעגליכע שעורים קומען פאָר נאָרמאל יעדען טאָג פון 8 30 אָן.

## אַ סימולטאַן-שאַך-פּאַרטיע.

אין שאַכיסטען-קלוב קומט פאָר זונטאַג אָוועָנד א סימולטאַן-פּאַרטיע, וואו עס וועט שפּיעלען דער מייסטער פון טשענסטאָכאָוו פאַזדזיערגי.

איינשרייבונגען קומען פאר מאָרגען שבת פון 6 ביז 8 אָוועָנד און זונטאַג ביז 12 מיטאַג.

## פון דער יודישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט.

די יוד. געז. פאר לאַנדקענטשאַפט אָרגאַניזירט אין די נאָהנטסטע טעג אַנ'אינסטרוקטאָרען-קורס, וועלכער וועט האבען פאר אַנ'אויפגאַבע אויסצושולען א רייה געהעריגע אויספלוגען אַנפיהרער.

זונטאַג, דעם 10 ד. ח. אַנ'אויספלוג אויף אויטאָבוסען קיין זלאָטי-פּאָטאָק און יאַנוב. אָבצאָהל 2,90. צוזאַמענטרעף 6-30 פריה אין לאָקאַל פון וויינשטאָ'ס שולע, אלע 20. ארויספאָהר 6.45 פריה.

איינשרייבונגען אין סעקרעטאַריאַט (אַלע 20) פון 8-30 ביז 10 אָוועָנד ביז'ן 9 ד. ח. איינשליסליך.

## א דרוש אין דער שטאָדט-שוהל.

מאָרגען שבת פ' שלח בעת קריאת-התורה וועט דער מנהל פון דער גראָדנער ישיבה הרב הגאון ר' שלמה הרכבי שליט"א זאָגען אין דער שטאָדט-שוהל.

## פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג.

דינסטאַג, דעם 5 ד. ח. איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון ועד, געווידמעט דעם גאַנג פון דער פּעטיציע ביי אונז אין שטאָדט. פּרעזעס ה' ש. ניעמיראָווסקי גיט-אָב א בעריכט פון וועלכען ס'איז צו זעהן, אז ביז היינט איז געשאַפען געוואָרען 1000 עטליכע הונדערט אינדיווידועלע אונטערשריפטען. בלויז דאָנערשטאָג, דעם 31 פ. ח. איז געוואָרען אונטערגעשריבען אין 2 רעווירען ביז 500 קאָלעקטיווע פּעטיציעס. עס ווערט בעשלאָסען פאָרטצוזעצען די פּעטיציע-אַקציע דורך צוטיילען די שטאָדט אויף רעווירען, כדי צו געבען די מעגליכקייט יעדען נאַציאָנאַלען יוד אונטערצושרייבען די יודישע פּאָלקס-פּעטיציע.

## רינג-קייט לטובת „קרן המושבה".

פרעזעס י. ראָזענבערג ענטפערט ה' ניעמיראָווסקי מיט 5 זל.

דיר. י. זיגמאַן ענטפערט ה' ניעמיראָווסקי מיט 10 זל.

ראָזינער ענטפערט ה' הערצבערג מיט 3 זל.

פירמא האָראָוויטש ענטפערט ה' צימערמאַן.

ישראל טיבערג ענטפערט ה' זעפצער מיט 1 זל.

מ. איצקאָוויטש ענטפערט ה' קורלאַנד מיט 2 זל. און רופט ארויס: ע. איצקאָוויטש, מרובקא, ה. באַלזאַם, ש. גרונדמאַן, גאנשעראָוויטש, סוקאַנניק.

נאכטיגאל ענטפערט ה' גאַטיינער מיט 2 זל. און רופט אַרויס: שמואל הערשליקאָוויטש, וואָלף אָוויעטשקאָ, גאָלדבערג, דאָמבראָוויעץ, דוד ליבערמאַן, יחזקאל ליכטער, יעקל רזעזאַק.

## דעפּאָזיטען פון ארץ-ישראל-טוריסטען.

די פּ.ק.אָ.-באנק אין תל-אביב פּערנעמט אַנ'אנגעזעהען אָרט אין א"י-באַנקוועזען, הגם די דאָזיגע אינסטיטוציע עקזיסטירט פערהעלטניסמעסיג נישט לאַנג, האט די א"י-רעגירונג אָנערקענט די פּ.ק.אָ.-באַנק דאָס רעכט צו גאַראַנטירען דעפּאָזיטען, מיט וועלכע עס מוזען זיך אויפוויזען טוריסטען קיין ארץ ישראל.

## ערשט אין אויגוסט זאָל זיך צונויפקומען דער נייער שטאָדט-ראַט.

נעכטען איז געווען דער לעצטער טערמין אַריינצוטראָגען פּראָטעסטען געגען די וואַהלען.

די איינגעפלאָסענע פּראָטעסטען וועט דער וואָיעוואָדאַ בעטראַכטען אין משך פון די נאָהנטסטע 2 וואָכען און דאַן, אויב ער וועט אייגעפינען פאַר נויטיג, וועט ער פערארדנען נייע וואַהלען אין מאַנכע קרייזען.

די דאָזיגע וואַהלען וועלען פאָרקומען, שטיצענדיג זיך אויף די פריהערדיגע וועהלער-ליסטעס, וועלכע וועלען וואַרשיינליך נאכאמאל אַרויסגעלעגט ווערען צום אַדורכזעהן אין משך פון עטליכע טעג.

פון טאָג פון פערעפענטליכען דעם בעשלוס פון וואָיעוואָדישען אַמט ביז צו דער דאַטע פון די נייע וואַהלען וועט דויערן 2 וואָכען. אזוי אַרום וועט דער נייער שטאָדט-ראַט אין געענדערטען נאָך די צוגאַב-וואַהלען צוזאַמענשטעל זיך צונויפקומען אויף די ערשטע זיצונג ערשט אין אָנהויב פון חודש שערפּיען.


Kino „LUNA"

פון דאנערשטאג סענסאַציע-פילם
לויט קאנאן דאיל'ס ראָמאַן

Powrót Sherloka Holmesa

מיט קלייוו ברוק און פ. האָלמעס

אויסער'ן פראָגראם: פאַראַמאונט און פּאַקס-אַקטואַליטעטען.


## אָפענער בריעף צום היעגען רב און צו דער קהלה-פערוואַלטונג.

אין נאָמען פון א גרופּע פרויען, וועלכע היטען נאָך אב דעם דין פון טבילה, ווענדען מיר זיך צו אייך מיט פאָלגענדער ביטע:

זייט עטליכע וואכען איז די היגע מקוה פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ יאָהר-מאַרק. אריינקומענדיג אין דער מקוה, טרעפט מען זיצען אַ גאַנצע האַפטע אונבעקאַנטע ווייבער אין קופּקעס און שייטלעך, פאר וועלכע יעדע פרוי, וואָס קומט זיך באָדען, מוז זיך רעגיסטרירען און זי ווערט פערשריבען אין א ספּעציעל בוך. די דאָזיגע ווייבער פיהרען א גאַנצע בופהאַלטעריע, וויפיעל מאָל אַ פרוי קומט זיך טובל זיין, אויב זי האט נישט פערשפּעטיגט, ווען זי דארף ווידער קומען אז"וו. יעדע פרוי, וואָס קומט זיך באָדען, ווערט אַזוי-אַרום אַנ'אָביעקט, וועלכען אַלע ווייבער בעטראַכטען און קאָנטראָלירען; עס ווערט דעריבער אַ „סוד פאר גאַנץ בראָד" וועגען יעדער פרוי, וואס געהט טבילה. אַ בעסערע אַנשטענדיגע פרוי קאן נישט איינגעהען אויף אזא קאָנטראָלע פון אונפעראַנטוואָרטליכע מענשען, וואס איז נישט דערלאָזבאר נישט נאר אין אזא שטאָדט ווי טשענסטאָכאָוו, נאָר אפילו פאר'ן קלענסטען שטעדטעלע.

מיר גלויבען, אז אייך איז אונבעקאַנט דאָס, וואס ס'קומט לעצטענס פאר אין דער מקוה, און דעריבער ווענדען מיר זיך צו אייך צו נעהמען אין אכט די דאזיגע לאַגע און נישט ברענגען דערצו, אַז די פרויען, וועלכע געהן נאָך טבילה, זאָלען זיין געצווינגען אויפהערען צו געהן.

(עס פאָלגען 5 אונטערשריפטען).

## די קליינע קינדערלעך בעהייזען זייער אַרבייט.

אין דער אַכראַנקע ביים דאָבראָטשיננאָשטש אויף דער פּושמיסלאָווא גאס וועלען שבת און זונטאג פון 10 ביז 1 מיטאָג און פון 4 ביז 7 אָוועָנד ווערען אויסגעשטעלט די אַרבייטען, וואָס די קינדער האָבען אויסגעפּערטיגט אין משך פון שול-יאָהר.

דאס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי מען בעוואונדערט די הערליכע אַרבייטען פון די יונגסטע קינדערלעך פון דער אָכראַנקע און אויך דאס מאל וועט די יודישע בעפעלקערונג זיכער די אויסשטעלונג בעזוכען. איינגאַנג פריי.

## נייע ספּאָרט-גרופּען ביים י.ט.ס.פ. „מכבי".

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָנקומען פון זומער-סעזאָן ווערען ביים י. ט. ס. פ. מכבי געשאַפען פאָלגענדע פיער נייע ספּאָרט-גרופּען! 1) פאָר מענער אין עלטער און העכער 25 יאָהר, 2) פאָר פרויען אין עלטער העכער 25 יאָהר, 3) פאָר קינדער אין עלטער פון 6 ביז 8 יאָהר, 4) פאָר קינדער אין עלטער פון 9 ביז 13 יאָהר. די איבונגען וועלען פאָרקומען אונטער דער לייטונג פון געשולטע אינסטרוקטאָרען אויפ'ן ספּאָרט פּלאַץ פון מכבי אויף דער יאַסקראָווער גאס 16. איינשרייבונגען וועלען אָנגענומען אין סעקרעטאַריאַט פון פעראיין (קאַטעדראַלנאַ 13) פון האלב 9 ביז 10 אָוועָנד.

די מענער-גרופּע איז שוין טעטיג זייט דער פערגאַנגענער וואָך. די איבונגען פון דער גרופּע קומען פאָר דערוויל איינמאָל אין דער וואָך שבת 7 אַ זייגער פריה.

בכדי צו פערלייכטערען דעם איינטריט אין פעראיין, ווערען פערזאָנען, וועלכע דעקלאַרירען זיך אלס מיטגלידער ביז ענדע דעם מאָנאַט, בעפרייט פון איינשרייב-אָבצאָהל.


„ATLANTIC"

אַגראָדאָווא 14.

דער בעסטער פילם פון קאָמיקער קעניג
האַראָלד ללאָיד

KINOMANJAK

ווי אויך אַ גראָטעסק-פילם

BOOP w MUZEUM

אויסער'ן פּראָגראַם: פּאַראַמונט - וואָך.


Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6